STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10343

KALONYES

Mashe Shtuker-Payuk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כַּלָנִיּוֹת

בלומען פון מײַן לאַנד

מאַשע שטוקער-פּאַיוק

למשורר־הנשיא ז. שזר
ולסופרת רעייתו רחל כצנלסון
בכבוד רב.

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

כלניות

בלומען פון מיין לאַנד

הילע־צייכענונג: י. וואָלבערג

*

בוענאָס איירעס

1964

פון זעלבן מחבר:

קינדערלעך, בוענאָס-איירעס 1948.

זינגענדיק, בוענאָס-איירעס 1954.

פּאַרביקע כוואַליעס, בוענאָס-איירעס 1954.

גוט יום-טוב, בוענאָס-איירעס 1957.

דער צויבערבוים, בוענאָס-איירעס 1961.

כלניות

כלניות! כלניות!
ווּ מ׳טוט נאָר אַ טראָט
פאַרן דאָרף, אַרום שטאָט,
אויפן פעלד און בײַם ברעג
פון אַ יעטוועדן וועג
אויף פאָרויס און צוריק:
ווּ עס פאַלט נאָר דער בליק —
זעט מען ווידער אָט, אָט:
— כלניות,
— כלניות,
— כלניות!

זיי שפּראָצן אַרויס
אויפן הויף, אַרום הויז
לעם אַ גראָבן, אַ פּלויט —
ווּ מ׳פאָרט און מ׳גייט
טוט אַ צינד און אַ צי
זייער גליאיקער בלי.
אויף שוואַרצערד
און ברוינערד,
אויף בלאָנדערד
און רויטערד,
אויף מילדערד —
און ווילדערד

פלעמלען זיך
פלעכטן זיך
אין פורפור קראַנץ
פײַער-טאַנץ:
— כלניות,
— כלניות,
— כלניות!

סאַר אַ זוניקער מין!
אויף די שטענגעלעך דין,
ווינטלען זיך גרינג און שטיל,
וויגן זיך אַזויפיל
בלימעלעך אָן אַ צאָל!
אויפן באַרג און אין טאָל
און אויף שטעגעלעך שמאָל
און שיפּועים געדרייט
ליגן טעפּיכער רויט
דאָ און דאָרט אויסגעשפּרייט.

ניט געפלעגט, ניט געזייט
אויף אַ ווייכינקער בייט
און מיט פלאַמיקער פרייד,
פול מיט אייגענעם חן
וואַקסן גיך
מערן זיך
אַליין —
פון זיך אַליין.

צווישן פעלדזיקן שטיין
און אויף גרודעס פון ליים,
אויף די ראַנדן פון ים

און אויף האָרביקלעך זאַמד,
ווּ עס איז
מדבר-וויסט —
כלניות, כלניות,
— כלניות

מיט די ליפּן פון גאָט
מיט זיין אייביקן פלאַם,
זינגען זיי צום טוריסט
נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד :
— אונדזער לאַנד!
— אונדזער לאַנד!
— אונדזער לאַנד!

כשובך לציון

— „לכו נרננה פני שבת נקבלה"...
פון אונטערשטן דעק — ממעמקים טיף
מיר — אַלע ייִדן וואָס פאָרן קיין ישראל
מקבל שבת זענען אויף אַ ייִדישער שיף.

—אָ, האַר פון עולמים! פון ים און יבשה,
האָסט דאָך שוין תפילות געהערט אַזוי פיל
נאָר, אונדזער דור איז דיר דער ערשטער מכבד
מיט אַ שבת־תפילה פון אַ שווימיקער שיל...

דער ים שפּרייט פאָרויס ווייכע טעפּיכער בלויע,
מיט ליבשאַפט די ברוזיקע כוואַליעס נעמט־איַין:
— מאַכט שבת קונדסים! לאָזט שווימען במנוחה
די יונגיטשקע שיף אין אור שבת אַריַין!...

און הונדערטער ייִדן פון כלערליי לענדער
לשונות, מנהגים זיך דאַווענען צונויף;
איין פאָרכטיקער נוסח, פאַר נצח ישראל
עס שטיַיגן די תפילות בציבור אַרויף — — —

— „לכה דודי לקראת כלה"... „וטהר לבנו"...
און די מלכה־שבת — אויפן ים פון געוויין
שווימט־אָן אַ צעשיַינטע מיט ליכטער געבענטשטע;
— „כשובך לציון" אָמן ואָמן!!!

מײַן מדינה

עפנט אויף באַגינען
בלויעם טויערטאָג:
— מענטש איך מײַן מדינה
זע וואָס איך פאַרמאָג!

גאַסט אויף ווײַלע-וואָכן
קום אָקאָרשט מיט מיר:
נעם מיט נאָך און נאָך אַ
שיינקייט פון שפּאַציר...

פון פאָנטאַנען פּולע
פרישקייט אַראָמאַט,
טריפן פון מטולה
ביזן ברעג אילת.

פראַנק און פרײַ פליסן:
בשמים, בלויקייט, ווײַן.
זופּ דעם זאַפּט דעם זיסן
טיפער אָטעם אײַן!...

פלעמל-פלאַנצן פינקלען
פאַר די פענצטער גרייט,
טובלען זיך און טרינקען
פון פרימאָרגן פרייד.

שויבן-שטיבער שײַנען
שעפּן חיות חן,
זע די זאַמדן זײַנען
דאָ אַפילו שיין!

גרינע גערטנער גאַפן
בלומיק ביזן ברעג:
ווער האָט דיך באַשאַפן
וונדער ווײַסער וועג?

בייטן בונטע ברכות,
צווײַגן צויבער צוויט,
פעלדער פאַרביק פאָכען
זאַנגען, זומערהיט...

שפּע שטראַלן שיטן
זײַלן זוניקייט,
שומרים שטיינער היטן
שלאָף פון אייביקייט.

טרעפּיק טיפע טאָלן,
ברייטע בירגערבערג
קײַקלען ווידער-קולן:
מוסטער מײַסטערווערק.

בלענדיקע בנינים
שפּרײַזן שורותווײַז,
ביימער באַטאַליאָנען
רונד אַרום אין קרײַז.

ליבשאַפט-לשון ריידן
ערד און הימל הויך,

כוואַליעט זיך צו ביידן, —
שטיפּער-ים: — איך אויך!...

פליעסקען די פּרדסים
פּירות פּלא-פּול:
— לויב דעם נס און גרויס אים
גבורה אָן אַ גבול.

בלויט באַגינען בלויער:
— פאָלק און לאַנד, מײַן פּאָר!
אונטער חופה-טויער —
פּרײַע פופצן יאָר!

פופצן פערזן פייגל
פלאַטערן בײַנאַנד,
אין דײַן רעגן-בויגן —
פלאַנץ מיך אײַן — מײַן לאַנד!

אַ תּפילה

רבונו של עולם! אָ, האַר פון באַשאַף;
דײַן אויג איז דאָך תמיד און איבער אַלץ אָפן!
מיש איבער מײַן אַלטן פאַרשריבענעם דף —
און — הייב אָן אַ נײַעם, גיב מיר אַ הוספה!

באַווייליק, אין זכות פון מײַן שטאָט תל־אביב,
כמעט אויף די הענט מײַנע איז זי געבאָרן!
אירע ווײַ־טעג און פרייד־טעג — פון אַלטן אַרכיוו —
זיי זײַנען נאָך יונג אין מײַן האַרץ און זכרון.

איר שיטערן אָנהייב, איך זע נאָך ווי הײַנט,
די שוואַכינקע טריטלעך אויף זאַמדיקע שטחים —
און שוין זיך צעוואַקסן אין יעטוועדער זײַט:
באַפעלקערט זיך מיט וואָס אַ טאָג מער משפחות...

איצט, שפּראָצן בנינים ווי פון דער ערד אַרויס,
און איבער נאַכט שטייען אויף נײַע קוואַרטאַלן,
מיט „בוקר טוב!" גריסט זיך אַ הויז צו אַ הויז
און טוט זיך אָן תיכף אין גרינע סאַנדאַלן...

ווי גרינג קלעטער־פלאַנצן זיך וויקלען אַרום
די לופטיקע זײַלן פון הויז: „אחד שתים"
פאַרוואָרצלען זיך ביימער און תפילהן אויס פרום
פון אייגענעם גאָרטן — אַ הלל, אַ נײַעם...

די בלומען, זיי זופּן דאָ וואַסער לרוב
פון פרישע פאָנטאַנען און זוניקן ייִן,
אין פריִען פרימאָרגן זיי הייבן שוין אויף
די פּאַרביקע, פריידפולע בעכער: „לחיים!”...

רבונו של עולם! באַטראַכט זיך און זאָג:
ווּ האָסטו געזען נאָך אַזעלכע געוועטן?
אין שנעלקייט פאַרמעסט זיך, אַ ראָג מיט אַ ראָג
און העכער אַליך הייבן זיך הײַזער־סקעלעטן.

אָ, הער! ווי עס קנאַלט און עס שאַלט בוימוזיק;
אַקאָרדן עד לב השמים פון צפון,
די שײַנסט דאָך אויך ווי דײַנע בנים, פון גליק
און נחת דײַן אויג ווערט מיט טרערן פאַרלאָפן.

מיט וויפל יאָר פריִער? איז דאָ נאָך געווען
אַ מדבר; ווער קאָן גאָר דעם געגנט דערקאָנען?
איצט הייבן זיך בלאָקן פון ליכטיקע ווענט,
מיט פענצטער באַלקאָנען — באַשטראַלטע בנינים...

אין יעטוועדער געגנט די שטאָט ציט פאָרויס
מיט ריזיקע אָרעמס אַרום אויסגעצויגן;
די פאָרשטעט־באַוווינער — זיי צירן איר אויס
מיט אַלע קאָלירן פון אַ רעגן־בויגן...

און ס׳לויפט שוין לעם די נײַע הײמען אַ כביש
ווּ ס׳פאָרן אויטאָבוסן, שרותן — זיי פירן
שוין גלײַך אויפן נײַעם וועג — גלאַט ווי אַ טיש —
צום צענטער פון שטאָט, הין און קריק פאַסאַזשירן...

און קינדערלעך שפּילן זיך שוין אינדערמיט —
די ליידיקע פּלעצער פון שטומקייט באַפרייַען —
זיי בוצקען זיך און ווערן שלום בעברית
און שפּרינגענדיק, זינגענדיק ס'לשון באַנייַען...

ווי נאָך זייַנען גאַסן פולזוניק און ברייט
ווי אין תל־אביב? און אַ גאַנצן יאָר גרינען
אַרום יעדן בנין די ביימלעך פון פּלויט:
אַ „גדר חי" הייסט עס אין אונדזער מדינה.

גיב מיר די הוספה פון מייַן אייגנס, גאָט!
קער אום על פּי יושר מיר — פון מייַנע יאָרן!
די אַלע וואָס זייַנען — פון מייַן ערשטן טראָט
פאַר אונדזער יסוד דאָ — פאַרשרפעט געוואָרן...

מייַן קאָפּ איז פאַרגרויט, פול מיט פאַלדן מייַן הויט,
רבונו־של־עולם — מייַן חשבון פאַרטיק!
איך זאָל זוכה זייַן איר צו זען אויסגעבויט
ווי איך האָב אויסגעחלומט —
— מייַן שטאָט
תל־אביב!

תוספת

עברית: דויד פאיאנס, תל־אביב.

רבון עולם, שוכן מרום
אשר עינך על כל משקפת,
הפוך דפי, נכתב עד תום,
ופתח חדש: תן לי תוספת!...

עשה לי זאת למען תל-אביב
שלדתה ראיתי על אבנים;
ימי דויה, גילה אני מוסיף
לשמור בזכרוני עדין...

עוד ראשיתה המצערה אראה כיום,
את פסיעותיה הרפות על חול השטח
וכבר גדלה: פשטה לעברים, לרום,
ואכלוסים לרוב יושבים בה בטח.

עכשו צומחים בה בניני-מדות פתאום,
בן-ליל יציצו בה רחוב ורבע;
בתים אלי בתים ישאו ברכת שלום,
ירק עצים תספוג לשובע.

רבון עולם, ראה המתהוה:
האם היתה כזאת? אותך אשאלה —

הן מתחרים בתים כאן זה אם זה
ומהמרים הם מי יגביה מעלה.

הקשב ושמע את השירה של הבנין,
מצפון העיר עולה היא ובוקעת:
הן גם אתה, אלי, מוצא בזה ענין,
אולי מגיל בניך גם עינך דומעת.

מקום מדבר היה לפני שנים,
אי איש אשר עתה יזכור ויכירהו
גושי-כתלים מתנוססים בו לבנים
עם חלונות ומרפסות — מה-טוב מראהו!

העיר פורשה זרועות-ענק לעברים
שכונה אחר שכונה חובקת וכובשת;
וכבר עוטרים אותה המון הפרברים
ומתגונים סביבה בכל צבעי הקשת.

כרשת-הכבישים בעיר פרושים,
כל כביש כמו טבלת-שלחן חלק הוא:
כלי-רכב: מוניות, אוטובוסים
על גביהם ירוצו חיש וישתקשקו.

במגרשים — הילדים בהמונם
משחקים ובפיהם שפה רוננת
ברוגז ושלום — זו לשונם
עברית שוטפת קל ומתנגנת.

היכן עוד בעולם כתל-אָביב
עיר בה כל השנה הכל פורח?
גב הגדרות של הבתים סביב
חיות, כשמן הן, וירקן זורח...

קבל, אלי, מפי זו התחינה
ותן לי הוספה: לי ה'א מגעת
בתוך כל אלה שמסרו על המדינה
רוב שנותיהם מתוך רצון ודעת.

ראשי הלבין, נחרש תלמים עורי,
הגדל, לי, מנת חיי המצומצמת
אשר אזכה את תל-אָביב עירי
על מכונה לראות בנויה, מושלמת.

תל־אביב

ראָ טאַנצן די אותיות פון אונדזער שריפט
און זינגען בקול: תל־אביב! תל־אביב!

אַלץ גרינגער זיי שפּרינגען פון אונטן אַרויף
אין ליכטיקע שורות זיך פלעכטן צונויף
כל־טוב, זאָגן אָן — פון געזימס און באַלקאָן
פון טירן און שויפענצטער, קרעמל און קראָם.
פון טראָטואַרן און קעלערן טיף
זיי זינגען אַרויף: תל־אביב! תל־אביב!

זיי שטײַגן אַלץ העכער אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק
צעוואַקסן, צעשפּרייטן זיך מער, וואָס אַ טאָג
פון סלופּעס אויף ראָגן, אַפּישן אויף ווענט
זיי פינקלען אַריבער אין זוניקן בלענד
די רחבותע גאַסן — יונג און דרייסט;

די אותיות פון אונדזער אַלטן אלת־בית
מיט גלאַנציקע אַפּלען, פון שמחה צעגליט
זיי פליען אַנטקעגן, דאָ, יעטווערן ייד:
אין אויטאָבוס, באַן, ווו מ'פּאָרט און מ'גייט —
כאַפּט מיך אַרום זייער זוניקע פרייד,
ווי מילך און האָניק, אין האַרץ אַרײַן טריפט
צעכפלט מײַן קול: — תל־אביב! תל־אביב!...

מאַמע און קינד

כ'האָב אין תּל־אביבֿ אין מיין האַרצן פֿאַרשפּינט
דעם זוניקסטן שמייכל פֿון מאַמע און קינד!

אויף אַן אויטאָבוס־סטאַציע — פּאַסאַזשירן אַ ריי,
און ס'וואַרט אויך אַ מאַמע מיט אַ קינד צווישן זיי
אַ פּיצעלע נאָך און אין וויגעלע ס'ליגט —
מיט אונדזער אייגן בלוי ליד איינגעוויגט...

— „איז ווי וועט די מאַמע באַגיין זיך אַצינד?"
איך קוק אַן פֿאַרחידושט, זי'ט נעמען דאָס קינד
אַוודאי אויף די הענט און אין אויטאָבוס אַרײַן
און וואָס וועט דערנאָך מיטן וועגעלע זײַן?

מ'זעט נישט לעם זיי — אַ באַגלייטער זאָל שטיין...
נאָר מאַמע און קינדעלע, —ביידע אַליין?...
איז ווער וועט אַוועקפֿירן דאָס וועגעלע אַהיים?
און ס'איז נישט אַזאַ וואָס עס לייגט זיך צונויף?...

דערזע איך: די שכנים פֿון ריי הייבן אויף
דאָס וועגעלע, יאָ! און עס שטײַגן אַרויף,
די מאַמע און ס'קינד אין וויג אויפֿן אויטאָבוס!...

— זים צברעלע, ווייסטו ווי גרויס איז דײַן זכות?
איך קוק אויפֿן קינד, צי עס ווייסט שוין פֿון דעם
אַז ס'פֿאָרט אַזוי גוט, אַזוי פֿרײַ און באַקוועם?

באַלד די קאָנדוקטאָרין שטרעקט אויס אַ בילעט
און מיט מאַמע־ליבשאַפט דאָס קינד טוט אַ גלעט,
און איין ייִד צום צווייטן מיט טאַטע־קול רופט:
— שש! שטופּט זיך נישט אָן דאָרט! דאָס קינד דאַרף פרישע לופט!
און ס'ליגט זיך און שפּילט זיך און קוועלט פון געַנוס, —
אין „אייגענעם ווײַנגאָרטן", אויפן אויטאָבוס!...

און שפּעטער, ווען מאַמע און קינד דאַרפן אַראָפּ, —
ווי פּאָרזיכטיק שטעלט זיך דער אויטאָבוס אָפּ
און עס וואַרט דער נהג — ווי געדולדיק ער וואַרט!
ביז — לאַנגזאַם מען שטעלט אַראָפּ אויפן טראָטואַר
דאָס קינד אין דער וויג — אַלע העלפן דערבײַ
ווי לײַבלעכע ברידער און שוועסטער געטרײַ

און די קאָנדוקטאָרין וואַרפט צו אַ „באָמבאָן":
אַ קוש אין דער לופטן און — „חמודי!" שלום!...

— — — און אויף מײַנע ליפּן עס שפּילט נאָך אַצינד:
דער זוניקסטער שמייכל פון מאַמע און קינד!...

כיכר דיזנגוף

(6 קינדער טאַנצן און זינגען)

— אין תל־אביב צענטער, אין מיט פון דער שטאָט
מיר רוישן אַרום אין אַ רונדיקן ראָד
און אַקסל צו אַקסל: רחוב מיט רחוב
מיר טאַנצן און זינגען: כיכר דיזנגוף!

— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!
מיר דרייען זיך פרייען זיך גאָר אָן א סוף,
כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!
מיט גרינס און מיט בלומען און זונשייַן לרוב!...

— וווּ איז נאָך פאַראַן אַזאַ פריילעכער ראָג?
זעקס גאַסן וואָס טאַנצן אַ גאַנצינקן טאָג,
פון אויבן דער הימל בלוי קווּעלט אָן ביז גאָר
און בלעדליי קולות און קלאַנגען אין כאָר:
— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!

עס שטייען קאַפעען און קינאָס געפוצט,
און קונים אין קראָמען, מ'קויפט כל הגוטס
עס קרייַזן די אויטאָס, אַ בוס נאָך אַ בוס
עס שפרייַזן שפּאַצירער אַרום אונדז צו־פוס:
— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!

עס קומען די זיידעס און באָבעס אַהער
זיך שפּילן מיט איינקלעך — וואָס אַ מאָל מער —

און טאַטעס און מאַמעס, נאָך אַרבעט שוין פרײַ
מ׳זיצט אויף אַ באַנק און מ׳זינגט אונדז דערבײַ:
— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!

צעשײַנט און צופרידן שפּאַצירן דאָ דורך
די אָן אַ שיעור ייִדן וואָס אויף אַ באַזוך
פון אומעטום קומען זיך אָן אַלע מאָל,
זיי זינגען צו אונדז און מיט אונדז אויף אַ קול:
— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!

כלי־זמר די בעסטע — עס שפּילט זיך נישט אויס!
די שימחה, די גרעסטע פון גאַסן געברויז
געגיי און געלאַף און געגאַף און געקוועל:
— ווי גוט זיך צו דרייען אויף דײַן קאַרוזעל!
— כיכר דיזנגוף! כיכר דיזנגוף!

די פּאַלמע

אין תל-אביב אַלטשטאָט,
לעם שטיבעלעך קליינע,
שטייט הויך אויסגעצויגן
אַ טרוקענע זקנה.

זי האָט זיך פאַרפלאַנצט דאָ
אַמאָל, גלײַך מיט אַלעמען,
מיט צענדליקער יאָרן צוריק
אָט די פּאַלמע.

מיט נײַאינקע, יונגינקע
דירהלעך אינאיינעם,
עס פלעגן געטרײַ איר
אָפּהיטן די שכנים.

און זי פלעגט זיי פאָכען,
אין איר שאָטן קילן,
און קינדערלעך פלעגן
דאָ קומען זיך שפּילן...

הײַנט זײַנען די קינדער
שוין מאַמעס און טאַטעס
און ס׳זײַנען פון דירות
געוואָרן וואַרשטאַטן —

מען זעגט און מען הובלט
סאַ רויש פון מאַשינען,
און ס׳האָט יעדער ייִד
זײַן פּרנסה אינזינען.

מ׳לויפט און מ׳יאָגט זיך,
מ׳דאַרף זיך דורכשפּאַרן
אויף שמאָלינקן דורכגאַנג
וואָס הייסט: טראָטואַרל...

אַזוי ענג ווערט דאָרטן
אַז ס׳טרעפט — מער ווי איינער
צעבוצקעט זיך פּלוצים
אין לויף, מיט דער זקנה.

פאַרקרימט זיך באַלד יענער
מיט רוגזה זײַן שטימע:
— „וואָס טוט דאָ דער פלאָקן
אינמיטן דרינען״?...

ווײַל נאַקעט איר שטאָם איז
אַ סלופּ אַזאַ הוילער,
בלויז אויפן שפּיץ קאָפּ נאָר
אַ גרינע פאַטשיילע...

אַריבערגעוואָקסן
איז זי אַלע דעכער
און פון אַלע הײַזקעס
אַרום — לאַנג שוין העכער.

— צו וואָס און צו ווען? קוקט
די זקנה דערשראָקן,

— באַדאַרף איך נאָך האָבן
אַצינד, אָט די לאָקן?

וואָס גרינען צו להכעיס
די קאַלעמוטנע אויגן
פון טירן און פענצטערלעך
אַלט און צעצויגן?

נאָר מילא, איז וואָס זאָל
איך טאָן אַז איך האָב עס?
איך בעט נישט בײַ קיינעם
קיין וואַסער-נדבות.

איך שטעק נישט אַרויס
דאַרע, בעטלערישע פינגער,
ווי ס׳טוען אַזויפיל
וואָס זײַנען פיל יינגער...

נאָר וואָס מײַנע וואָרצלען
נאָך פון דער ערד זויגן,
כל-זמן כ׳האַלט נאָך אָפן
די עטלעכע אויגן...

עס שטייט נאָך די זקנה
אַ שטאָלצע, אַ גלײַכע,
און קיינער דערזעט נישט
ווי טרערן באַפײַכטן

אירע שיטערע וויעס
— פון פרייד? צי פון אומעט? —
זי זעט שוין אַהער אויך
די בוימײַסטער קומען.

און אַלטינקע הײַזקעלעך
ווערן צעפֿאַלן,
עס וועלן דאָ אויפֿשטיין
באַלד נײַע קוואַרטאַלן.

און אויפֿן כּיכּר דאָ,
ווען דעמאָלט — נאָך אַלעמען
צעגרינען אַ פּאַרק,
פֿול
מיט יונגינקע
פּאַלמען...

אַ שבת אין רמת־חן

אַ שבת בײַטאָג
אַ חמסינדל, לאָזט זיך אויף דער ערד אַראָפּ
אַזוי שווער און מיד, ווי אָן כח,
טאַטע מאַמע שלאָפן, דוכט זיך —
רוני־לע אויך?

אין פֿאַדערשטן גערטל,
אויף שטענגעלעך גרין באַצויגן,
שלאָפן די רויזן מיט אָפענע אויגן.
געלע, ראָזע, רויטע און ווײַסע וווּנדער־רויזן, —

זיי דופטן אַרײַן.
דורך צעעפנטע פענצטער אין הויז — און
איבער אַלע חדרים שפרייטן זיך אויס —
זייערע בשמים: — גוט שבת זאָל זײַן!
ווי זיס און געשמאַק זיי שלעפערן אײַן!...

די „טראַכטערלעך"
— בלימעלעך ווי פּנימלעך:
צוויי פינטעלעך־אויגן אינדערמיט,
אַ נעזל, און אונטן אַ מײַלכל צוויט —
זיי, טוען זיך אַ כאַפּ־אויף, אַ צעוויג:
— אַ־אַ! ששבת! אַ־אַ פאַרגעניגן!
און זיי דרימלען ווידער אײַן...

פּיאָלעטקעס, ליליע־פּלעשעלעך,
אָנגעפּילטע מיט פּערפיום —
פּלעכטן זיך שוועסטערלעך אַרום
און שושו שושקען זיך שטיל:
— ש־ש־שבת איי־איי! ווי גוט!

און זייערע בלעטעלעך —
הענטעלעך גלאַטינקע — אויסגערוט —
גלעטן די לייכיק רויטע ערד:
— מאַמעלע געטרייע!...

די פּרוכטביימער,
אין פּרילינג־צווייטן נייע,
אין גרויסן גאָרטן הינטערן שטוב,
שלאָפן שטייענדיקערהייט...
און אַלע — אַלע:
איינגעהילט די קעפּ, —
אין ליכטיק ווייסע, ראָזע שאַלן,
שיינען זיי — פון שבת־פרייד
און זייערע שלוה־צווייגן
דרימלען אינדערלופטן —
זיי — רוען זיך אויס
די מאַמעלעך
פון די זומער־פרוכטן...

און צווישן די בלעטער, פריש און גרין
פון יעדן מין
טוט אַלע ווייליע, אַ ווינטעלע אַ פאָך,
ער טרייבט דעם חמסין:
— ששששבת! ששששבת!!!

אַוועק פפונדאַנען! דו!
לאָז צורו!

ווען קומען אינמיטן וואָך!
הײַנט איז ששׂשבת!!!

— טור! טור! רופט די ווילדע טויב.
רונילע, טוט זיך פון בעטל אַ הויב,
עפנט אויף שטילערהייט די טיר
און ער שאַרט זיך דורך איר
אין הינטערשטן גאָרטן אַרויס.
דלילה, דאָס שוואַרצע הינטעלע, פלינק ווי אַ האָז
טוט זיך צו רונילען האַסטיק אַ לאָז
און שטיל, שטיל, טוט זי אַ קורצינקן ביל:
— האַוו, גוט־שבת דיר רונילע, האַוו, אַזוי פרי?
— ש־ש־קט! (שעקעט) איך קען נישט שלאָפן סײַ ווי!...

— האַוו, וואָס איז הײַנט פאַר אַן אַרבעט פאַראַנען?
— „ששש!" שאַ! וועסט אויפוועקן טאַטע־מאַמען...
טוט איר רונילע איבערן קעפל אַ גלעט
און דלילה מיט די אויגן רעדט און רעדט
און דרייט מיטן עק
אויף שטום־לשון זי פרעגט:
— האַוו רונילע האַוו? נו? זאָג מיר אויס:
צוליב וואָס ביסטו אַזוי פרי פון שלאָף־צימער אַרויס?
— נײַגעריקע, דו! טוט איר רונילע, פאַר אַן אויער אַ דריי,
אַזוי! ווייל, איך האָב זיך פאַרגעסן
אַרויסצוטראָגן, פאַר די פייגעלעך דאָס עסן!...
— אַ! האַוו־האַוו! איך פאַרשטיי!...
און רונילע לויפט אַוועק איינס און צוויי, גיך, גיך,
אַ שפרונג אַרײַן אין קיך און ער לויפט שוין אַרויס
מיט אַ פולן טעלער ברויט אויף ברעקלעך צעריבן,
מיט אַלצדינג, וואָס איז פון שבת מיטיק געבליבן
און צווישן די ביימלעך ער שטעלט דאָס אַוועק.

אַ „בלבל" פייגעלע, מיט אַ לאַנג לאַנגן עק
טוט אַ פלי צו צום טעלער און: פּיק־פּיק־פּיק!
פּיק! פּיק! פּיק!
— נעבעכקעס, ווי הונגעריק!
שטייט ער רונילע אָן אַ זייט, קוקט און קוועלט אָן פּאַר פרייד:
— מיט אַ גוטן אַפּעטיט! עס געזונטערהייט!

און ווען דער בלבל, מיטן לאַנג לאַנגן עק
דרייט זיך פונעם טעלער אַוועק,
אויף איין ווײַלינקע נאָר, —
פליט אָן אַ פּיצע־מאַנטשיק פייגעלע,
אַ דראָבנינקער „דרור"
און עס ציפּצעט אַזוי שוואַך און שטיל:
— ציף־ציף! און איך? און איך?...
און גיך, גיך, גיך
טוט אַ שפּרונג צו צום טעלער
אַ כאַפּ אין שנעביקל אַרײַן
ברויט אַ שטיק —
אַ פלאַטער פאַר פרייד
און — אַ פלי אַוועק צוריק...

רונילע קוקט איר נאָך,
פול מיט חידוש איז זײַן בליק:
— זי האָט זיך נישט פאַרגונען,
פאַר זיך אַליין נישט גענומען
אַפילו צו פאַרזוכן — איין פּיק?

— „האַוו־האַוו"! טאַקע, וואָס זאָל עס זײַן?
קוקט דלילה רונילען אין פּנים אַרײַן,
און העלפט אים טראַכטן:
— „האַוו און האַוו" אַלעמאָל —

— מאָרגנ! — טראַכט שוין רונילע אויף אַ קול,
— אַוועקגעטראָגן עם אינגאַנצן? אינגאַנצן!
וואוהין? איז דאָס פייגעלע אַוועקגעפלויגן?
„האַוו־האַוו!" ווו אַהין?...
האַלט דלילה, די מאָרדע אויסגעצויגן

און פלוצים, הייבן אָן צו גלאַנצן
רונילעס גרויסע, קלוגע אויגן:
— אָ! איך ווייס שוין! דאָס מוז עס זײַן!
אַוועקגעטראָגן אין איר נעסט אַרײַן!
ערגעץ־ווו אויף אַ בוים מסתמא?
זיכער, איז זי אַ מאַמע!!!
— „האַוו־האַוו!" — אַ מאַמע?...
— יאָ, דלילה — אַ מאַמע!
בייגט זיך רונילע אַראָפּ,
טוט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ:
— זי וועט מאַכן דערפון, אַ צינדער, —
אַ שבת־סעודה פאַר אירע קינדער!...

יוסף הסנדלר אין רחובות

אויף דער גאַס תאודור הרצל,
אויפן אַלטן טראָטואַר
שטייען זיך צוויי ביימער ריזן
עלנבויגנס אָנגעשפאַרט, —

אויף אַ נידעריקן דעכל.
אייגן ערד פאַרברידערט זיי
מיט בעל-הבית פון הײַזקע —
די עאוקאַליפטוסן די צוויי.

איבער אַלע שכנים-הײַזער
שטײַגט אַריבער זייער בליק,
בלעטערן זיי די זכרונות
פון אַ פערציק יאָר צוריק...

— „ער, ר׳ יוספקע הסנדלר
האָט פאַרפלאַנצט אונדז אין דער שטאָט.
מיר און ער, כמעט די ערשטע
בירגער, דאָ אין רחובות!...

ער, ער האָט אונדז אָנגעטרונקען
מיט פריש וואַסער נאָכאַנאַנד,
האָבן מיר דערגרייכט די עלטער
און בכבודיקן שטאַנד...

— ששש! ששמעקן אונדזערע בלעטער!
אַ מחיה! ווער עס גייט
נאָר פאַרביַי דאָ, שעפּט פון אונדז אָן
פולע קענדעלעך מיט פרייד...

פאַר די ערשטע וויסטע יאָרן
האָבן מיר שוין היַינט באַלוין:
וואָס מיר זעען אַלץ און הערן
מיט די שפּיצן פון דער קרוין!

ס׳איז אַ נחת אָנצוקוקן
יענע צענטער-גאַסן, דאָרט;
וויפל שטאָקיק הויכע היַיזער
און די מענטשן — רק מ׳פאָרט!

ס׳לויפן גרויסע אויטאָבוסן
דער אַהער, און דער אַהין
אויף די ברייטע גלאַטע גאַסן
אָפּגעצוימט מיט פלייטנגרין —

מיט התפּעלותביידע ביימער
זיך צערוישן הויך און שטאַרק:
— ס׳איז דאָך אונדזער שטאָט געוואָרן
ווי אַ בליִענדיקער פּאַרק!...

און אין היַיזקעלע דערנעבן
זיצט נאָך אויפן זעלבן אָרט,
אויף זיַין זיץ יוסף הסנדלר
מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד.

קוקט פון קאָפּ אַראָפּ אַ קאַפּל,
אין די אויגן ברוינער פלאַם

און די ראָזע באַקן בליִען
אין דער ברייטער ווײַסער ראַם...

הערט ער, ווי די בלעטער רוישן,
— אָ-האָ-האָ! ווי ער פאַרשטייט
פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן
שאָרך פון זײַנע בלעטער רייד...

האָבן זיי דען נישט אינאיינעם
דאָ פאַרוואָרצלט זייערע טריט?
און עס קלאַפּט יוסף הסנדלר
קלאַפּט די טשוועקלעך בעברית.

טיק-טיק! טיק-טיק! פליִען שפּיצלעך
פון זײַן אָנגעפּולטן מויל,
האַקן זיך אַרײַן מיט שמחה
אחד, שתים — אינעם זויל.

שניצט ר׳ יוסף האַרטן לעדער
און עס פאַלן אַלעמאָל
קליינע שניצלעך, ברעקלעך, פּיצלעך,
באַלד אַ בערגל אויפן פּאָל.

און אַט נעמט זיך שוין דער סנדלר
אויסצוגלײַכן אַן אָפּצאַס
זעט ער, דורך זײַן אָפן טירל
רעשט אַרײַן — אַ נײַע גאַס!

— „זע נאָר וויפל מענטשן ס׳פאָרן
און וויפל גייען דורך צופוס!?
אָן עין-הרע! ס׳איז געוואָרן
אַזאַ שטאָט — נאָר אין זײַן זכות״...

רעדט ר׳ יוספקע דער סנדלר
צו דעם שוך אויף זײַנע קני:
— „אײַ־אײַ! וואָס עס טוט זיך דאָרטן
אינעם גאָרטן פֿונעם נשיא!

אָ, ר׳ חיים! זכרונו לברכה,
אונדזער ערשטער פּרעזידענט
איצטיקן אויף לאַנגע יאָרן —
כ׳האָב אים דאָך אַליין געקענט!

פֿלעגט ער זיך באַגינען דורכגיין,
אין זײַן גאָרטן — אַ שפּאַציר,
אַלע פּועלים באַגריסן
און צו יעדן, אויך צו מיר!

נעמען ריידן ווי אַ חבר
אַזוי פּשוט, און געטרײַ
אויסהערן און אויך דערציילן
אָפט אַ חכמהלע דערבײַ...

כ׳טראָג אין האַרצן, נאָך עד־היום
זײַנע קערנדיקע רייד,
שוין אַוועק אַזויפיל זמנים —
זייער האַפט און זאַפט געדייט.

און זיי שפּראָצן אויף, צעוואַקסן
אַלעמאָל — דערזע איך באַלד,
פֿול מיט זײַנע מידות טובות
אַ באַקרוינטע זײַן געשטאַלט.

אַלע פלאַנצן פון זײַן גאָרטן
כ׳האָב געפלעגט אַיעדן שטעג

אײַ! עס גיבן מיר נאָך כח
הײַנט אַפּילו יענע טעג.

ווען מ׳האָט אין ווייצמאַן-גאָרטן
היכלי-תורה אויפגעשטעלט,
און הײַנט קומען בני-ישראל
לערנען — פון דער גאַנצער וועלט!...

און די שמחה-פונקען פלעמלען
אין יוסף הסנדלרס בליק —
מיט די פינגער דרייט אַ דראַטווע
און זײַן פּנים שײַנט פון גליק.

און זײַן וואַרשטאַטל איז זוניק,
כאָטשבי אַלט איז שוין זײַן טיר —
פלייצן אָן דורך איר אָן אויפהער
יונגע שטראַלן — אָן אַ שיעור...

מיטאַמאָל ז׳אַרײַן צום סנדלר,
איינע, וואָס איז דאָרט אַדורך,
אַ טוריסטן און זי בעט, ער
זאָל איר צולאַדן אַ שוך.

— כ׳האָב אַ דריי-געטאָן אַ קנאַפּל
זעט, איך קאָן נישט גיין אַזוי,
טוט אַ טובה און פאַריכט עס,
טאַקע תיכף! — בעט די פרוי.

— גבירת; ניין, איך קאָן נ״ש תיכף,
איך מוז ענדיקן אויף גיך
די וואָס כ׳האַלט איצט, יענער ייִד האָט
מער ניט ווי די — איין פּאָר שיך...

ענטפערט יוסף, כ'וועל עס נאָכדעם,
גייט אַהיים און שיקט מיר צו!
— העַ־העַ, טוט די פרוי אַ שמייכל,
העַ, מײַן היים איז, — ווייסט איר וווּ?

זייער ווײַט, ווײַט פון ישראל,
מיט דער שיף, אַ צוואַנציק טעג,
אין אַ וואָך אַרום פאַרלאָז איך
שוין דאָס לאַנד — איך פאָר אַוועק...

טוט אַ צאַפּל זיך ר' יוסף:
— האַ?! האָב איך געהערט געַנוי?
און עס בריִען ברוינע פלאַמען
דורך דעם פּנים פון דער פרוי.

און ער טוט דעם שוך אַ ריס אויס
פון איר האַנט מיט אַזאַ כעס,
אַז מיט איין דריי פון די פינגער
פליקט ער אָפּ באַלד דעם אָפּצאַס.

און ער רעדט מיט צער און צאָרן
צו איר שוך אויף זײַנע הענט:
— „זאָג, ווי וועלן דײַנע פיס, נאָך
קאָנען טרעטן אין דער פרעמד?".

פליִען זײַנע ווערטער שפּיציק
ווי די טשוועקלעך פון זײַן מויל,
וואָס ער האַקט אַרײַן מיט אימפּעט, —
קלאַפּט דעם קנאַפּל צו צום זויל.

און עס ציטערן די הענט אים
און די ליפּן נאָכאַנאַנד:

— „ווי! ווי קאָן מען דאָס פאַרלאָזן
אַזאַ טײַער אייגן לאַנד?!

— אוי, רבונו! האַר אין הימל,
העלף מיר — איך זאָל דאָס פאַרשטיין;
ווי מען קומט עס אויף אַ ווײַלע
— בלויז צו-גאַסט, צו זיך אַהיים?!

און ר׳ יוסף הסנדלרס פנים
שנײַדט אײַן יאוש — שאַרפער קאַנט —
מיט יסורים קוקט דער פרוי נאָך:
— „ווי, פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד״!

און ער הערט די ריזן-ביימער
שורשען פריילעך בײַ זײַן טיר:
„ווער עס קאָן זיך טיף פאַרוואָרצלען, —
דער וואַקסט אויס אַזוי ווי מיר!״...

אויפן וועג קיין ירושלים

אויפן וועג צו ירושלים — דער כביש פון פרייד,
וואָס אין באַהעלטעניש שפּילט — אַלעמאָל:
אַ שפּרונג טוט אַרויף און אַראָפּ זיך פאַרדרייט —
באַהאַלט זיך אויס הינטער אַ באַרג, אין אַ טאָל...

אויפן וועג צו ירושלים, ווו דער אויטאָבוס טאַנצט,
צווישן גרינוווּנדער — פּרדסים אַראָמאַט,
און עס לויפן מיט ביימער, באַקרוינט און באַקראַנצט
מיט רום אין רוים צו גאולה־פּאַראַד.

אויפן שליאַך פון נצחון, אַלע ווייַל מ'דערזעט
— ווי אַן אָפענע וווּנד אויפן ווייַסן וועג —
פון אַ משחית אַ פאַרזשאַווערטן סקעלעט,
למזכרת נצח, פון די גורלדיקע טעג...

אַ טאַנק, אַ האַרמאַט, — מיט אַן אויפגעריסן מויל,
צעשמעטערטער רויטיקט בייַם ראַנד פונעם וועג —
און אַלע פרײדטענער שנייַדט איבער אַ גרויל:
צעזעגט מיט אַ לאַנגער פיל־צייניקער זעג...

ס'אַראַ קולות וברקים עס פייַערן אַרויס
פון די ברונד־טיילן! ס'אַראַ גבורה־געשריי
עס קנאַלט אויף פון שפּליטער און עס פלאַקערן אויס
גיבורי־ישראל — פאַרקלאַמערטע אין זיי...

און אויף ירושלים צעיובלטן וועג, —
איז מוריד דאָס האַרץ, אַלעמאָל רײַסט זיך אָפּ,
פון שפּיץ שמחה־טורעם, הויך־באַרגיקן ברעג —
אַ פאַל אַראָפּ טיף — אין טרויערטאָל אַראָפּ...

קרית היובל - ירושלים

(פון רחל'עס פענצטער)

דאָ, פון לעצטן הויז אין „קרית היובל",
ווּ עס הייבן זיך בלאָקן־בנינים צעהעלט,
דערזעט מען פאַרשעמטע בערג, נאַקעטע, גרויע —
וואָס בליקן אַהערצו מיט בענקשאַפט און טרויער:

— ווי ברייט, שטאָלץ עס שטייט שוין ביַי אייַך בלאָק נאָך בלאָק!
עס שטייַגן די שטיגן אַרויף — דריַי־פיר שטאָק,
און עס פאָרט שוין אַ בוס — אַ באַקוועמער אַזוינער —
ביז דער לעצטער טיר פון די בלאָקן־באַוווינער!...

— ס'אַ מזל האָט יענער באַרג! צו זיַין יסוד
איז שוין צוגעלאָפן אַ ברעג פון דער שטאָט,
אויף זיין רוקן ברויזט שוין פאַרבלעדיק, שטאָטאַרטיק
נאָר מיר — שטייען אַליך נאָך פאַרשטיינט און מיר וואַרטן!...

ווי וויל איז דעם באַרג — דער וואָס איז שוין באַלוינט
פאַר טויזנטער יאָרן פון בענקשאַפט באַקרוינט
מיט ליכטיקע מויערן, גאַסן, אַלייען:
נאָר מיר, ווילד־פאַרוויסטע, פון חורבן אָן שטייען.

מיר זעען און הערן וואָס אויף בויבערג קומט פאָר,
משפחות צעוואַקסן זיך פון יאָר צו יאָר,

אויף זייערע הייף פלינקע פיסעלעך שפּרינגען
און קינדערשע קולכעלעך־גלעקעלעך קלינגען.

דאָרט טאַנצן אויף דראָטן הויך שורותווייז גרעט,
אויף בייטעלעך ערד פאַרן הויז — ווייך און פעט —
צעבלימלען שוין בלומען, עס פּירח'ן זיך צווײַגן,
נאָר מיר, זײַנען אַלץ נאָך פאַרמשפּט צו שווײַגן...

ווען וועט איר שוין אויך אונדזער עלנד דערזען?...
צערײַסן דעם גזר מיט געטרײַערע הענט —
אונדז פון דורות־לאַנגער שטיין־תּפיסה באַפרײַען?!
מיר זײַנען דאָך אײַערע „הרי ירושלים!".

בײַנאַכט, פאַלט אויף אונדז אַזאַ אימה אַרויף
בײַנאַכט, ווען אויף ליכט־לשון ריידן זיך צונויף
צעפינקלטע לאָמפּן פון ווײַטע אַרומען —
פאַרזינקען מיר טיף אין דער פינצטערניש — פאַרשטומען...

און עס חלומען די בערג פון דער גאָר נאָענטער וואָר:
„אין יעדער יונגער דירה וווינט אַ יונגיטשקע פּאָר",
די זון זאָגט אָן בשורות דעם בלויעם קאַיאָר:
— מזל־טוב! אַ צבֿרעלע ז'געבוירן געוואָרן!...

כאַפּן זיך אויף אַלע שטראַלן פון שלאָף
און זיי טאַנצן אַרום
דער צענחתטער זון:
— מזל־טוב!
מזל־טוב!
מזל־טוב!

גרענעץ

פון מצפה „אבו טור", ירושלים.

מיר שטייעןביים גרענעץ, צאַם פון שטיינער גרויע
באַפעסטיקט מיט קאָלטנס פון שטעכיקן דראָט.
אויף יענער זייט נאַקעטע בערג און שיפּועים —
טוליען זיך הייזקעס — אַ חרובע שטאָט.

אַנטקעגן אויף אַ דאַך, שטייט אַ זייעריקער שומר,
ער קוקט אַהער לאַנג, אויף אונדז מיט אַ לאָרנעט;
און הינטער אים טורעמט זיך דער „מסגד עמר"
אַ קיילעכדיקער קופּאָל פון אַראַבישן מעטשעט.

דער „הר הזיתים" און „צופים" צו אונדז קוקן
אַריבער ווי געפאַנגענע פון „יענער זייט"...
די הרײַסדום שטייען — ווי אײַן גלײַכער רוקן:
אַ וואַנט ווי אַ פעסטונג הייבט זיך אויף פון דער ווייט...

און אָט פירט דער וועג צו דעם „מאַנדלבוים-טויער",
וואָס עפנט זיך פשוט — ווי אַ באַן-באַריער,
נאָר עם האָבן רשות, בלויז די מענער און פרויען —
אַריין און אַרויספאָרן, פריי הין און הער.

אין אויטאָס געשטעמפּלטע, ווי גרענעץ-וועכטער, —
עם וואָרענען שרײַיקע אותיות: „און"!
און איבערן צאַם לאַכט דאָס בלויסטע געלעכטער
דער ליכטיקסטער הימל און — די איינציקע זון...

אין „מאה שערים״

אין אַלט־ירושלים, אין „מאה שערים״,
גייען זיך יינגלעך, שבת אינדערפרי,
מיט ארבע־כנפותלעך איבער די העמדלעך
און ס'טאַנצן די ציצית אויף זייערע קני...

ביי יינגעלעך ברעקעלעך!
אונטער די רעקעלעך
טוען אַ שפּרונג אַרויס
שטיפערלעך — עקעלעך
פון ציצית פיר
און גרינג ווי אַ ווינטל,
פון פאָרנט און הינטן
זיי ווייען אַרום
אויפן שבת־שפּאַציר...

גייט אַזאַ ברעקעלע
און אויפן קעפּעלע, —
הויל אָפּגעשוירן די
הערעלעך, גלאַט, —
זיצט זיך אַ קאַפּעלע
ווי צוגעוואָקסן,
אַ רונדיקע בלאַט...

ווי שטיל און בנעימות
דאָס יינגעלע גייט,

און פּאַהלעך צוויי
ווי די שרויפן געדרייט, —
די שפּיצלעך דערלאַנגען
די אַקסעלעך שיעור —
הוידען זיך מיט
אויפן שבת־שפּאַציר.

גייען זיך געלינקע,
רויטינקע, שוואַרצינקע,
שטראַליקע פּעקעלעך,
יינגעלעך — טעקעלעך!
שבתדיק שיינען
די בלויע, די ברוינע
און קויל־שוואַרצע אייגעלעך,
פולע מיט גליק.

און ביי די בעקעלעך
שאָקלען זיך פּאַרביקע
לופּטיקע לעקעלעך
אַהין און צוריק,
אַרום יעדעס פּנימל
אַ שבת־ריקודל,
ריטמיש צעוויגט...

און ס׳גייען די יינגעלעך
אויך — ווי ניט ווי
אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך,
וואָס דעקן צו:
דעם טלית־קטן, די
ציצית און בלויז
אַרום די פיס־קנעכעלעך,
איבער די שיכעלעך

זויבערע זעקעלעך,
ווי שמאַלע שנירעלעך
ווייַסן אַרויס — — —

מ'זעט אויך ווי גאָר
אַ פּיק־מאַנטשיקל שפּאַנט
און ס'האַלט אים אַ שוועסטערל
פֿירט פֿאַר אַ האַנט.

איז לעגנלעך דאָס קליידל
פֿון יונגיטשקן מיידל
אַראָפּ צו די קניִען
עס ציט זיך ביז —
עס פֿאַלן די פֿאַלדן
אַרויף אויף די זאָקן
וואָס וויקלען זיך קלאָר ווייַס
אַרום אירע פֿיס.

ס'אַ לאַנגע עס זייַנען
די זאָקן! זעט אויס
אַזוי ווי זיי וואַקסן
פֿון קליידל אַרויס...

אַרום יעדן פֿוס
אָנגעצויגן עס זאָל אים
אין גאַנג נישט אָפּדעקן
אַ פּאָך — חס ושלום!

שיין גייט זיך דאָס מיידל
און שבתדיק איידל
זי שטעלט אירע טריט.
מיט וויפֿל געדולד

און מיט ליבשאַפט איר
קליינטשיקן ברודערל' היט!
זי גיט אים נאָך אַלץ
וואָס ער בעט און דערבײַ
זי שמייכלט צו אים
אַזוי גוט און געטרײַ
ער זאָל בײַ איר בעטן
וואָס מער — הלוואי!...

און בערדיקע טאַטעס מיט פּאָלעס צעווייטע,
פאַרנעמען אײַנגאַנצן די „גאַס" אין דער ברייט און
מ'טוט אויפן קליינוואַרג צומאָל נישט אַ קוק —
זיי שפּרײַזן פאַרבײַ נעבן טירן און טויערן
אין געסל וואָס זעט אויס ווי צוויי לאַנגע מויערן,
ציִען זיך אויף ביידע זײַטן פון ברוק.

אַזוי אײַנגעבויט איז איין הויז אין אַ צווייטער,
אַ שמאָלינקער הויף — ווו ניט ווו בלויז צעשיידט ער,
שנײַדט איבער דאָס לאַנגע בשותפות געבוי
און ווו ניט ווו בלויזן פאַראַן צווישן דעכער:
דער נידערט אַראָפּ און דער הייבט זיך אויף העכער
אַריבער דעם זעלבן אַלט־שטיינערנעם גרוי.

מ'לאָזט זיך אַרויס פון די שילן אינאיינעם,
אין לאַנגע קאַפּאָטעס די יונגע און זקנים, —
זיי גייען זיך אין אַ געזעמל געדיכט
און אַלע בציבור התלהבותדיק רעדט מען,
ווען ס'טוט נאָר אַ פלאַטער אַ פּאָלע דערזעט מען,
אַז ס'טראָגט יעדער איינער דעם טלית אויף זיך.

און ס'קוקן זיי נאָך אַלע טויערן, טירן
פון קרעמלעך געשלאָסענע ווי עס שפּאַצירן

זיך מיט הדרת־פּנימער ייִדן פון שיל...
און אין שבת־שמועס פאַרטיפט אַזוי ווערן,
אַז נישט זיי דערזעען און נישט זיי דערהערן,
ווי ס'גייען נאָך קינדערלעך שבתדיק שטיל...

עס טרעפלען מנינים אַרויס פון די הייפן,
באַשטראַלמלט די קעפ ווי מיט פוטערנע רייפן
פון כלערליי קאַפּעליושן אַ געמיש.
דאָס דאַווענען פאַרציט זיך אין אייניקע שילן,
דערהערט מען פאַרדבקהטע פסוקים פון תפילה
און דאָ און דאָרט שבתדיק זמירות ביים טיש...

דאָ שבתט דער שבת פון גאָר אַלטע יאָרן,
פון אונטערשטן קעלער ביז אויבערשטן גאָרן;
מיט פענצטער באַלקאָנדלעך אַרויס צו דער גאַס,
פאַרבלאָנדזשעט אַן אויטאָ, אַ הילך טוט אַ האָרן —
ווי פלוצים אַ משחית וואָלט איבערגעפאָרן, —
דעם הייליקן שבת — חלילה וחס!!!

צפת ביינאַכט

— דײַן צפת בײַנאַכט ווערט נתגלה, מײַן גאָט,
דו זאָלסט אויף איר קיינמאָל נישט אײַפעריק ווערן!
אין רגע פון חסד דערזען כ'האָב דײַן שטאָט:
אַ טרעפיקער ברונעם און פול־פול מיט שטערן...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך שטיי נאָך אַלץ דאָרט אויף אַ הויכן באַרג־טרעפ —
שטיי איבערן ברונעם, צעפּראַלט אַלע דראַנגען,
מיט כדים פון מײַנע זכות־אָבות איך שעפּ:
ווי ווײַט אין דײַן טאָליקער טיף זיי דערלאַנגען!

אָט קוק איך אַראָפּ איבער דעכער און ווענט,
די לופט טריפט איר קילזאַפט אויף מײַן הייסן גומען,
כל דומם, צומח, צעעפנט די הענט
אויך זיי שעפּן אָן, שטערנשײַן פון דײַן ברונעם. —

איך זע אין יעדן פענצטערל שטערנט אַ ליכט,
דאָ, וואָלט אויך געזעסן מײַן טאַטע, מײַן זיידע, —
איבער אַ ספר, פאַרפּילפּולט, פאַרטיפט
מיט האַרץ און מח אין הייליקער עבודה.

די נאַכט איז פאַרוויקלט אין פאָרכטיקער היל,
עס וואַגט נישט אַ ווינטל אַ הייב־טאָן אַ פאָלע

עס ליגט יעדעס זעמדל און שטיינדעלע שטיל
מיט יראה, אין טרעפּשטאָט פון קונסט און קבלה.

**
*

ס'לויכט צווישן די לייטערס געדרייט און פאַרשפּיצט,
אַ שיל אַ באַשיינטע, פון הונדערטער יאָרן.
ווּ זיינען די מייסטערס וואָס האָבן געשניצט
מיט אייביקע איילן געמאָלן דעם אָרון?

ס'אַ צווייגלעך צעפינקלטע! פולע מיט פרייד;
מיט בלימעלעך ראָזע און בלויע, פיאָלעטע
און הענט פון כוהנים צום דוכענען גרייט
צעשפּרייטע צווישן די גרינע זיתים־בלעטער.

כ'הער קדוש לשון ריידן צו יעטוועדן ייד:
עטרות באַזילבערטע, מענטעלעך, מנורות
און כלערליי כלים, געטריי אויסגעגליט
פאַר עדה'ס מתפללים — דורות נאָך דורות.

און ספרי־תורה פּאַרמעטן ווערן אויפגעראָלט
דערהער איך, ווי טיף אָן אַ דנאָ איז דער ברונעם
עס גייען אויף, שטייגן אַרויף פון אַמאָל
אויף שטאַפּלען פון צער און פרייד —
אונדזערע ניגונים...

און קינסטלער אין קעלערלעך טוכלע, אויך איצט
מיט בלווישיין פון טרוים יום ולילה פאַריגלט —
אויף בראָנדזענע טאָוולען מיט דביקות מ'קריצט
און פענדזלען אויף ליוונטן פליען צעפליגלט.

דאָס חיות פון שעפער אין זיין יצירה שטראָמט
מיט רמ"ח און שס"ה באַהאָפטן אין קדושה;

אַ חלום, אַ רמז, אַ ניצויץ טוען אָן —
אין בראָנדז און געמעלן — אייביקע לבושים.

די נאַכט־תּפילה פליסט מיר אין האַרצן אַריַין
בלחש: „אָ, נו! שו־ששו!” זײ ניט שטערן!...
איך בין זיך מתיחד מיט דיַין שטערן־שיַין
און אויך איך צינד אָן דאָ — מיַין שירה־שטערן.

און מיַינע צעפּיבערטע ליפּן פאַרשמאַכט
פון דורותדיק דורשט, אין ברונעם פאַרזינקען
צפת: איך געזעגן זיך נישט. נאַכט נאָך נאַכט
װעל איך אומעטום —
פון דיַינע קוואַלן טרינקען...

שמואל נעם

אַ „שיר תמיד״ — צו זײַן צענטער יאָרצײַט.

עס שטערנט דײַן שמײכל אונדז איבערן קאָפּ:
פון װעלכער זײַט װעסטו צו אונדז איצט אַראָפּ?...

בײַנאַכט, אױפן כרמל — אױף פעלדזן־באַלקאָן,
מיר זיצן אַנטקעגן דעם ים־התיכון,
מיר, דײַנע חברים, די הײמישע געסט
באַװוּנדערן דײַן אױסגעחלומטע נעסט
װוּ סטרילערט דײַן ליבשאַפט
דײַן פרױ און דײַן זון —
איז װוּ־זשע ביסטו איצט? װוּ שװעבסטו אַרום?...

עס שפּרײט זיך אַ רונדיקער רױם אָן אַ גבול,
מיט אַלע חסדים פון ליכט־מאורות פול:
עס האָבן אַהער אַלע אוצרות געבראַכט
עלעקטרי און מלכות־שמים בײַנאַכט...

דער ים טראָגט צעפינקלט אױף זיך כל הציר
פון גאָר דער װעלט שױפענצטער בליאַסק און שעמעריר
פון קרױנען, דיאַדעמעס — אין יעדן קאָליר,
בריליאַנטן, רובינען, שמאַראַגדן אָן שיעור
אױף ים טונקל סאַמעט אין גלאַנץ מיניען זיך —
אַ קאָסמישע קראַפט שפּינט סימפאָניעס פון ליכט —

און אויף אַלע גאַמעס שפּילט־אויף מיטאַמאָל:
עס שפּיגלט זיך באַרג־ליכט אין ימישן טאָל.

פון הימלישע ספערן אין גילדענער רו
עס קוקן די שטערן — און וועלכער ביסטו?
אַט דוכט זיך אויס „דער!" ניין! ניין! אַט־אָ „דער!"
דער שײַנט מיט דער לויטערסטער פרײַנדשאַפט אַהער!
דערזע איך „דעם" שטערן, ווי „ער" שמייכלט זיך:
— דײַן גאָלדענע גוטסקייט; „יאָ! יאָ! דאָס בין איך!"...

און אַל־גוטע בשורות דערציייל איך אים אויס:
— ווייסטו אַז דו ווינסט שוין אין דײַן חלום־הויז?
אין דער הויך אויפן כרמל און דו קוקסט אַרויס
פון דײַן פּעלאַס אויגן — צו שימחה־געברויז
פון שיפן, וואָס פון אַלע תפוצות קומען־אָן
דו זעסט זיי טאָג־טעגלעך, דאָ פון דײַן באַלקאָן
און שפּרייזט ווײַטער אין דײַן עודדס צברע־טריט
על כיבוש הארץ — מיט דײַן בן־יחיד!...

אַ בליציקן שפּרונג טוסט פון הימל און באַלד
נעמסטו אָן דאָ ווידער דײַן שמואל'געשטאַלט...
דערהער איך דײַן קול הינטער אַלעמענס רייד:
דו בינדסט צונויף איבערגעשניטענע פרייד
וואָס טריפט נאָך מיט בלוט פון אומהיילבאַרן שניט —
דײַן גוטהאַרציק שמייכל מיט טרייסטפולער שיט
פאַרגינעריש טרייַ אונדזער שמועס באַגלייט:
— פאַרבריינגט אין מײַן הויז דאָ, געזונטינקערהייט!...

שמואל:
איך בליק אויף דײַן בילד אויפן וואַנט, אויפן טיש
און אין אַלבום פון האַרצן — אַ האַסטיק געמיש
פון פרייליכע בלעטער — בשותפותע טעג
ביז דו ביסט אויף דײַן לעצטער שליחות אַוועק!..

געפירט האָסט פאַר ייִדן מחוץ — אין דער פרעמדער
צעשפּילטן מדינה־וויַין אויף דיַינע הענט
מכבד צו זיַין זיי, מיט גאולה־אויפגלי;
האָט אַ גזר איבערגעשניטן
אין מיטן
דיין פלי...

שמואל:
דו קוקסט אויף דיַין כרמל מיט מאורות צעבליט
און איך צינד פאַר דיר,
אונדזער שיר, —
אַ „שיר תמיד"...

טיול קיין אילת

עס ציט זיך אַזוי שוין פון אָבות אבותינו
דער מרחק צום נגב מיט בערג אויסגעשטאַט,
נאָר היינט קען מען מאַכן אַ קפיצת־הרוזמען:
אַ פלי אין די הימלען און שוין אין אילת.

סאיז אויך מיט יבשה אַ קפיצת הדרך,
עס שמייכלט דער וועג אויסגעפלאַסטערט און גלאַט:
— אָ! זאָלן זיך רעדלען וואָס מער גומי־רעדער
און שלינגען די מיילן פון וועג — קיין אילת!

מען לאָזט זיך שוין מער נישט אויף קעמלען באַלאָדן
מיט „צידה לדרך" אויף ווער ווייס ווי לאַנג?
מען דאַרף זיך נישט טרייסלען אויף בערג און שיפועים
במשך מעת־לעתן אין שטויביקן גאַנג.

היינט פאָרן מיר אין אַ מאַשין אַ מאָדערנע,
אויף בענקלעך געבעטע באַקוועם — זיצן זיך,
אַ פלינקער געטרייער נהג דרייט דעם רודער
און אונדזער וועג־ווייזער איז — שייקע דער מדריך.

עס איז שוין זיין פנים פאַרקופערט געוואָרן
און ס'בלוי פון זיין בליק — פאַררוימלט ביים ראַנד
פון פאָרן און פירן טוריסטן אין נגב:
פון פלאַמיקן ווינט און שטעכיקן זאַמד...

ער פירט און דערציילט אונדז פון יעטוועדן יִשוב
און פון זײַנע בויער — וואָס מיט יעדן טראָט, —
באַפרוכפּערט זיי האָבן דאָ זאַמד־און שטיינבאָדן
מיט מסירת הנפש — פאַרלייגט דעם יסוד...

דעם גלויבן געשטאָלט אין גערעַנגל פאַר קיום
קיבוץ און מושב — אַלץ וואָס מיר זעען דאָ —
האָבן אונדזערע געטרײַע זין — טעכטער — חלוצים
פאַרוואָרצלט אויף אייביק מיט „לא נזוז מפה!"...

מיר פאָרן דורך שטעטלעך און פאַרביקע פעלדער,
פון יעדן זײַט וועג — ענדערט זיך נאָכאַנאַנד;
דאָ גרינט אַ שטיק פּאַשע, דאָרט ברוינען שוין זאַנגען,
אינמיטן דערינען — אַ האָרביקל זאַמד!...

נאָר, אָט ווערן גערטנער אַלץ זעלטענער, בלייכער
דער בליאיקער נס — אײַנגעשרומפּן, פאַרצערט
און בערגלווײַז הייבט אָן פאַרלירן די בושה:
דעם גרינעם לבוש, אונדזער ציטעריקע ערד!...

מיר קוקן זיך צו פול מיט צער און פאַרשעמונג;
די ערד טוט זיך אויס דאָ! באַווײַזט יעדן מום:
צעשפּרייט זיך ווײַסזאַמדיק, אַשגרויאיק — אַנטבלויזט זיך
אינגאַנצן הויל נאַקעט אַרום און אַרום — — —

נאָר דאָ און דאָרט שטייט אויף אַ גואל — אַ קיבוץ;
ער לייזט אויס אַ ברעג און די שאַנד אונדז פאַרדעקט
און אָט איז בײַם טויער פון מידבר: באר־שבע
צום מאָרגן פון נגב — דער הײַנטיקער וועג!...

באר־שבע

זעּ איך אויף דער וואָר? צי אַ פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ?
צי נאַרן די פֿענצטערלעך פֿון אויטאָבוס?
באַזוימטע מיט גרינס אַרום בלענדן־אויף בלאָקן
צו עטלעכע שטאָק אויסגעוואַקסן — איין גוס.

דאָ גלייבט נישט דער מידבר די אייגענע אויגן:
— ווען איז זי געבוירן, די שטאָט? ברייט און הויך!?
אַזוי זיך אויפֿהייבן אויף ווייַקע זאַמדן?
און אָט־אָ דאָס ווערדל — צעוואַקסט זיך שוין אויך!

זייַן מאַמעס זאַפֿט רינט אים נאָך אויף זייַנע ליפּן,
ווי לאַנג איז ער פֿון דער משתּילה אַרויס?
די ביימלעך צעשפּרייטן שוין קנאָביק, עלנבויגנס
און פֿון אַלטן מידבר — זיי לאַכן זיך אויס...

ס'אַ העזה פֿון קווייטן מיט בעקלעך געשמינקטע
זיך וויגן אויף בייטן און אין בלומענטעפּ!
— אוי! ס'קומען אָן בוייַקע, בלייַקע צייַטן!...
דערשרעקט זיך און רוקט זיך אַלץ ווייַטער דער סטעפּ...

מידבר

מיר פֿאָרן און ס'ליגן דאָ בערג ווי גיגאַנטן
פֿאַרזונקען אין שלאָף, נישט עס שפּראָצט, נישט עס גרינט —
נישטאָ ווער ס'זאָל וועקן, קיין בוים נישט, קיין פֿויגל
עס רוט נישט בלויז איינער — דער זאַמדיקער ווינט...

און פֿון אַלע זייַטן פֿאַרלויפֿט ער דעם וועג אונדז
— דאָ איז מייַן ממשלה! פֿפֿו־או! מייַנע בלויז...
דערשרעקן זיך גרוייַנקע בינטעלעך — גראָזן
און שטעקן די קעפּ פֿון די וואַדי'ס אַרויס — — — —

עס לויפן מיט אונדז די עלעקטרישע סלופּעס
און אײַזערנע רערן, מיט חכמה און דעת —
זיי ציִען זיך איבער די בערגיקע בײַכער;
די היילונג־רפואה — פאַר מידבר־חולאת...

די רערן זיי פירן די ברכה פון מים,
מיט מי און „יהי!״ ווערט דער נגב באַקוואַלט —
„יהי!״ און עס ווערן באַמזלט די שטחים
געבענטשטע מיטן רעריקן גשם און טל...

די דראָטן אויף סלופּעס, זיי ברענגען די ברכות
וואָס זײַנען געבוירן פונעם ערשטן „יהי אור!״
זיי זײַנען מנצח די קללה פון מידבר
מיט בשורות־טובות פון נײַעם קאַיאָר!...

אַ גרינאינדזל

נאָך מײַלן און מײַלן פאַרמותטע כוואַליעס
לעבט־אויף אַ גרינאינדזל אין זאַמדיקן ים:
ירקות און בלומען און ביימער מיט פּירות —
אַ בליִענדיק בילד אין אַ סטעפּישער ראַם...

די יידן דאָ זײַנען געקומען פון אינדיע
דער ישוב צעוואַקסט אויפן וועג קיין אילת
און ס׳רינגלען אַרום אונדז — אַ קרענצעלע קינדער
מיט פּנימלעך ברוינע און זיס — שאָקאָלאַד!

עס פינקלען די אויגן ווי קויל־שוואַרצע שטערן
זיי גליִען און ציִען זיך צום אויטאָבוס,
זיי פרעגן און ווילן אַלץ וויסן און הערן
פון גאָר דער וועלט יידישע קינדער — אַ גרוס.

וואָס מער מיר דערציילן אַלץ גלאַנציקער ווערן
די שוואַרצאַפּלען זייערע — פּלעמעלעך־פרייד,
די שמייכעלעך ברייטער, דאָס אינדזל צעשפּרייטער
צעציט זיך — פאַר נײַע חברימלעך גרייט...

און פּונקט קעגנאיבער די נײַע שיכונים
— די ליכטיקע מויערלעך, ציכטיק געפּלעגט, —
בלאָזן זיך בײַדעלעך פון בעדווינער
ווי שטרוי אויפן ווינט, אויף דערווײַל — אויפן וועג — — — —

און איבער זיי הוידען זיך זאַמד גרויע קעמלען,
די קעפּ הויך פאַררייסן צום זוניקן פּלאַם,
אַ היי־בינטל קײַען, צום גרינאינדזל שפּײַען:
— איר פּטרט אַוועק אונדזער גרוי מידבר־לאַנד!!!

ו י ד ע ר מ י ד ב ר

און ווידער בערג, בערג, רײַענווײַז, — קאַראַוואַנען
וואָס זײַנען געבליבן אינמיטן גאַנג שטיין;
די קעפּ ווי פאַרוויקלט מיט הויכע טורבאַנען
און אין אויגן־לעכער עס שרפעט געוויין.

אַ באַרג אַ בעל־גבורה, אויפן קאָפּ אַ קרוג וואַסער —
אין גאַנג פון אַ ברונעם געבליבן פאַרשטאַרט?
דערנעבן אַ דורשטיקער בערגל, אַ קליינער
דאָס מויל האַלב־צעעפנט — ער שטייט נאָך און וואַרט...

אַ בערגל וואָס זעט אויס — אַ ליידיקער לאָגל,
און אָט איז אַ באַרג — אויבן גלאַט ווי אַ טיש
ער שמייכלט מיט גלוסטיק גאַסטפרײַנדלעכע בליקן:
— בבקשה! קומט אַרויף! איר פּונעם כביש!..

אַט דוכט זיך אַ בערגיכע האַלט צו איר שלייער
ווײַסזאַמדיקן לײַלעך ביז איבערן נאָז,
ס'זאָל זיך נישט חלילה דאָס פּנים אַנטהילן
ווען ס'טוען די ווינטן אַ האַסטיקן בלאָז...

און אַט שטייט צעהויקערט אַ באַרג מיט יסורים;
אַן אוראַלטער גזר — זײַנע זײַטן צעשפּאַלט:
די שטורעמס, זיי רײַסן פון אים אַראָפּ שטיקער
זײַן מעמד פון טויזנטער יאָרן — צעפאַלט!...

מצפה רמון

פון מצפה רמון, פונעם פעלדז הויך אַנטפּלעקט זיך
אין זונגלי אַ זעאונג פון שיינקייט און שרעק;
אויף מײַלן ווײַט ליגן די בערג אויסגעצויגן
געהילט אין אַ גאָלדיק געלעכערטער דעק.

די לעכער, דאָס זײַנען די כלערליי פלעקן
פון די מינעראַלן וואָס טונקלען אַרויס —
און ס'בלאָנקעט דער בליק אַרום אין אַלע זײַטן:
— צי זעט מען עס טאַקע? צי ווײַזט זיך אויס בלויז?

דער מכתש רמון, נידערט פיר הונדערט מעטער
זײַן באָדן מיט קופּקעלעך פאַרב, — אָן אַ צאָל,
ווי ס'וואָלטן די מאָלערס דעם אייל אויסגעגאָסן
דאָ, אַלע מיטאַמאָל, אינעם שטויסל פון טאָל...

אַ שוואַרץ בערגל, געל בערגל, ווײַסער און גרינער
פון קוילנשטאָף קופּער און פון מירמלשטיין

פון צינק און פון שוועבל, פון קאַלך און סעראַמיק
פאַרברידערט זיי זיצן בײַ זיך אינדערהיים!

זיי קוקן מיט פאַרביק צעפינקלטע אויגן
אַרויף צו דער רונדיקער וואַנט פון רמון
וואָס שטייט שוין אַזוי, אויף דער וואַך, קעגנאיבער
פון זינט זיי געדענקען זיך — פון אייביק־אָן.

עס זעט אויס אַ קונציק געמויערטע פעסטונג
פון רעגן געקריצט, פון דער זון אויסגעברענט;
אַ וווּנדער פאַסאַד מיט גראַוויר־שניצערײַען
פון דורות און דורות — געבענטשטע הענט...

קיין תמנע

מיט בלײַ אין די גלידער און זאַמד אין די אויגן
מיר זיצן מיט אַלע מחשבות פאַרקנוילט,
מיט גרויע שטויב־טיולן אויף פנימער פאַרצויגן;
מ'פוילט זיך אַפילו צו עפענען ס'מויל...

אַ האַנטוך אַ נאַסער פאַרדרייט ווי אַ בייגל
אַ קרוין פאַר אַ קמיעה — זיצט אויף יעדנס קאָפּ,
די שטײַגנדיקע היץ זאָל נישט האָבן קיין שליטה
און טראָפּנדלעך טריפן און מונטערן אָפּ...

— איר קוקט אָן דעם וועג דאָ, איר ווייסט וואָס אַ וועג איז?
פרישט אָפּ ווי אַ קילער טרונק אונדז — אַלעמאָל:
„דער וועג איז דער דופק פון אונדזערע אָדערן,
ס'האַרץ פון פאַרבינדונגען"... — קילט שײַקעס קול.

— אָ! ביז מ׳האָט אויף די צעשויבערטע זאַמדן
אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג, גלאַטן באַנד פון בעטאָן"!...
ס׳איז אמת! זיך שאָקלען פאַרביַי עצי־שטים,
מיר זיַינען פאַרבירגערט דאָ — פון בראשית־אָן!...

און אָט איז אַ קופּער־פאַבריק, די פון תמנע;
אַ קינסטלעכער טיַיך — פאָרן אויג מחיהדיק,
עם שטיַיגן־אויף, פלעכטן זיך שטאָלענע שטאַנגען
און ס׳דוכט זיך ס׳שטייט: פיס אין וואַסער — אַ בריק...

דאָס גרינלעכע זאַמד ווערט אויף שטויב דין צעמאָלן
אין קעסלען מיט זויערשטאָף זידט אויף און אָפּ,
דער גוטער שטאָף שווימט אַרויף תמיד פון אויבן
און ס׳גיסט זיך דער אָפּפאַל, דער פסולת אַראָפּ...

מיר זעען די הייבערס און טאַנקעס־מאַשינען
וואָס ווינקען צו אונדז אויפן וועג אַראָפּ: — זעט!
ווי פליַיסיק מיר אַרבעטן! און מיט התמדה
שטודירן דאָ סטודענטן פון אוניווערזיטעט.

אָט הייבט זיך אַ גרינער באַרג ליים און מיט גדלות
קוקט ער אויף די בערג זאַמד אַרום און ער קוועלט:
— שוין! איך ווער שוין פטור באַלד פון אָט דעם מידבר!
מיַין קופּער־צעמענט, שיקט מען איבער דער וועלט!..

צו אילת

די זון איַילט צו מערב אין שטויביקן שלייער,
שוין גוט אָנגעהייצט ווי אַן אויוון כמעט —
פאָרן גאַנצן טאָג וואָס מיר פאָרן און פאָרן
און ס׳ציט אונדז אַ צויבער־מאַגנעט צו אילת!...

די הויך ווי אַ רייף אַרום האַלדז דריקט אַלץ שטייפער —
געדיכטער דער נעבל־שטויב שטיקט און פאַרשטעלט
מיר אָטעמען קוים־קוים און מיטאַמאָל: — אַ־אַ!
ס'אַנטפּלעקט זיך אַ בלוי־גרינע ימישע וועלט —

פאַראַנקערטע שיפן און שווימיקע שיפלעך!
— איז אַלץ אונדזער אייגנס? האַרץ מיינס! שטיי נישט אָפּ!
אַ שפּרינג־טו אין ד'אייגענע כוואַליעס: — אָ ים־סוף!
פון אַלע מצרימס דעם שטויב שווענק אַראָפּ!

ניין, ס'איז נישט קיין חלום! נאָר אמתע הייזער,
זיי הייבן זיך בלאָקיק און שטאָקיק פּינקניי,
אָט שטייען און אַרבעטן ייִדן, האַלב־נאַקעט
אין שאָטן פון הייפל ביי אַ סטאָלערייַ.

און אין די חדרים איז קיל — אַ דערקוויקונג!
הויך אונטערן סופיט דרייט זיך אַ קיל־אַפּאַראַט
און אָט קומט אַ יונגער צעווינטלטער אָוונט, —
אַ דורשטיקער, כאַפּט זיך אַרום מיט אילת...

ביינאַכט ביים ברעג ים

ביינאַכט, ביים ברעג ים בחברותא מיר זיצן
און ליגן אויף וואַרעמען זאַמד אויסגעשפּרייט,
אַ ימישער ווינטעלע איז זיך מתעסק מיט
אונדז — האָט פאַר יעדן זיין קיל־כּיבוד גרייט...

דער ים יאָגט צום ברעג פולע כוואַליעס מיט ליבשאַפט:
— גוט־אָוונט מיינע אורחים! וואָס זיצט איר פאַרשטילט?
אַנטקעגן אונדז שפּיזלען די ליכט פון „אַקאַבאַ"
ס'איז זייער נאַכט־לשון אין סודות געהילט...

און אונדזער שײַנוואַרפער שפּרײַזט איבערן הימל
מיט ליכטיקע לאַנגע צעצונדענע טריט,
זײַן שײַן שפּאַרט אַרײַן דורך פאַרלאָדנטע פענצטער:
— שלאָפט רויִק און זיכער! איך היט אײַך! איך היט!...

— „אילת איז אונדז טײַער ווי אונדזערע אויגן!" —
צינדט אָן דער מדריך אַ מדורה פון רייד.
— „יאָ, ייִדן, ס'איז אמת!" — צעפלײַעסקען די וועלן
און זעמדעלעך צעקושן זיך מיט אונדז — פון פרייד...

און שײַקע דערציילט פאַר אונדז מיט אַלע פּרטים
די מעשים פון גבורה — ביז איצטיק מינוט
און וואָס עס באַדײַטן די שטחים פון נגב
דער פּאָרט פון אילת פאַר אונדזער עצמאות.

פאַרגאַפטע עם הערן לבנה און שטערן,
מיט ימישע ווייערלעך ס'ווינטעלע ווייט,
עס גלעטן און בעטן די כוואַליעס: „אָ, בלייבט דאָ!"
און „מערט זיך ווי ס'זאַמד אויפן ברעג אויסגעשפּרייט!"...

פרימאָרגן אין אילת

שוין! איבערן ים שאַרט זיך שוין דער באַגינען,
די פינצטערע קאַלדרע הייבט אויף מיט אַ גלעט:
באַלד וועלן אויסבריִען זיך — היציקע שטראַלן
און אָנהייבן הוליען אויף ברוזיקער בעט...

הוש־הוש! הוש פונדאַנען! צעטרײַבט ער די שאָטנס,
— אַ האָרביקער באַרג שיידט זיך אָפּ פון דער נאַכט.

די שטערן אַנטלויפֿן, נאָר דער מאָרגן־שטערן —
האָט זיך אין זײַן גילדענעם שאַכטל פֿאַרמאַכט.

ער רירט זיך פֿון אָרט נישט, ער וויל נאָך אויסוואַרטן:
באַגעגענען זיך מיט דער זון — בלויז דאָס מאָל!
אוי ווײ! ווערט לבנה דורכזיכטיק דערשראָקן —
— „עס צינדט זיך איר פֿײַער שוין אין מזרח־טאָל"!...

אַ פֿלאַקער־רײַף הייבט זיך צווישן די האָרבעס
פֿון טונקעלע בערג — ריזן־קעמלען אַ ריי
אַרום האָריזאָנט ווי אַ פֿינצטערע תּפֿיסה —
און קוים וואָס די זון ווערט ניצול פֿון זיי...

די בערג ווערן בלאָנדער, דאָס וואַסער ווערט בלויער
און פֿייגעלעך זינגען אויס אין פֿלי־פֿאַראַד:
— גוט־מאָרגן זון! זײַ אַזוי גוט און דײַן פֿײַער
פֿאַרשטילער און קילער — שווים איבער אילת!...

אַ שפּאַציר אויפֿן ים־סוף

בײַם עק־ים, מיר שפּרינגען אַרײַן אין אַ שיפֿל,
מיט יעדן שפּרונג טוט זי אַ צאַפּל פֿאַר פֿרייד.
מיר פֿאָרן צום ברעג נאָענט, ווײַל פּונקט אינדערמיטן —
אַ שניט פֿון סכּנה דעם ים־סוף צעצווייט...

דער שניט איז אַ טיף נישט־געזעענער גרענעץ,
דעם ים טיילט פֿונאַנדער צווישן אונדז און זיי —
און — ווײ, ווער ס'פֿאַרגעסט זיך און בלאָנדזשעט אַריבער
אָט איבער דער וואַסער־מחיצה — ווײ! ווײ!...

איצט זעט אויס גאָר אַנדערש דער פּאָרט פון „אַקאַבאַ",
דער ווייסער טאָג האָט אים אַנטוואָפנט דאָס ליכט
וואָס בלינצלט ביינאַכט מיט געכפלטער גדולה —
איצט — גרויט דאָרט אַ הייפּעלע הייזקעס געדיכט.

פיש־באַלעט

בנאימות מיר וויגן זיך אין שפּאַציר־שיפל,
אויף אונדזער צעהאַלבטן עקיים אין אילת!
אין זוניקן צוזאָג פון פריען פרימאָרגן:
— „מה טוב ומה נעים שבת אחים יחד"!...

מיר זיצן פּאַרטוליעטע אָרעם צו אָרעם,
צוזאַמענגעוואָקסן ווי צווייגן צום שטאַם.
צום פענצטער פון דעק אַלע קעפּ אָנגעבויגן;
די בליקן פאַרבליפטע צום גרונט פונעם ים.

זיי ציען זיך אויס ווי עלאַסטישע נעצן,
און שווימען אַרום אין דער לענג, אין דער ברייט,
צו פאַנגען וואָס מערער פון די פּלאַי־פּלאַים;
און ס'מאָנט אַ מחשבה: — ווער האָט עס פאַרגרייט?

צי האָבן זיי פריער געמאַכט רעפּעטיציעס?
צי האָט מען באַשטעלט זיי לכבוד אונדז? זעט!
עס שווימען און פלאַטערן כלערליי פיש — אויף
דער בינע פון ים טאַנצן אויס — אַ באַלעט...

פון אַלערליי פאַרמען, קאָלירן און מאָסן!
— פיש גרויסע און מיטעלע און פיצלעך גאָר־גאָר
עס בלאָזן זיך פאַרביקע פליגל פונאַנדער,
— צי טאַנצן זיי תמיד אַזוי? אַ גאַנץ יאָר?...

אַט שווימען צוויי גרינע פיש, גראָבע און לאַנגע
און צווישן זייביידן אַ ברעקל, אַ גרינס, —
זיי שווימען אַרום זייער קוסטעלע־דירה;
געווים זײַנען זיי טאַטע־מאַמע און קינד?...

„שושנת הים" מיט געהאָפטענע בלעטער,
די צווײַגלעך ווי לאַפּקעס פון פּוטער ווײזאָן, —
און קוסטעס מיט בינטעלעך בלויע בוקעטן
וואָס שטעקן אין ווײַסן געקרײַזלטן שוואָם.

ס'אַ טעפּיכער! טאַשמעס און קוטאַסן גרינע
מיט פרענדז — אויסגעשפּרייט אויפן ימישן פּאָל!
זיי זעען אויס רײַך אויסגעצירטע פּאַלאַצן
ווו ס'וווינען פאַרשיידענע מינים מיטאַמאָל...

אַט שווימען פיר גרויסע פיש, גרויע ווי שומרים —
שווים־שווים אַרום פּאַלאַץ פון שוימיקן שטיין
און אינדערמיט ווימלען זיך פישעלעך־ברעקעלעך:
— מסתם קען מען זיי נאָך נישט לאָזן אַליין...

און אָט שווימט אַ ברוינער מיט פליגעלעך געלע
דער איז „דג השמש" און „חתול הים"
איז דער טונקל־גרויער מיט פינטעלעך ווײַסע:
ווי רונדיק ער בלאָזט זיך אָן! — אַ לופטבאַלאָן!

און פיש שוואַרץ ווי שוואַקס מיט גראָז־גרינע אויגן
מיט טיולענע ווייערלעך, דורכזיכטיק גרין,
אין טוניקעס געבלומטע מיט קרייזלעך באַפליגלט
און אויגן — צוויי גלאַנציקע קרעלן־בורשטין...

און מיט לאַנגע שפּיציקע פּעך־שוואַרצע נאָדלען
שטייט „קיפּוד הים" — אַזאַ שוואַרצער קוסטבלום
און פישעלעך שוואַרצינקע, העל־בלוי געשטרייפטע,
מיט בלויינקע פליגעלעך שוועבן אַרום...

און פלאַנצן מיט בלעטער צעשפּרייטע ווי פאָכערס
— זיי קילן אַוודאי די ימישע לופט?
אויף שטענגעלעך שטעקן גרינגרויסע אָליוון
און נאָך מאָדנע סאָרטן פון „ים־גאָרטן" פרוכט...

אָט פלאַטערן פישלעך טיף בלויע ווי סירקע,
וואָס מיט אַזאַ בלוי — בלויט מען אָן ווייסן גרעט!
פיאָלעטע! גינגאָלדענע! פישלעך ווי שטראַלן!
און רויטינקע פלעמעלעך טאַנצן אין באַלעט!...

ווער בייט איבער זיי דאָרט די ליכט־פּראָזשעקטאָרן?
און ווער האָט דעם גרונט פון דעם ים דעקאָרירט?
צי שפּילן כלי־זמר? און וואָס פאַר אַ טענער?
אַ שאָד! ס'אַרא שאָד! שוין! דער סוף פון שפּאַציר!...

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרמאַך איך די אויגן, — ווי ריטמיש עס דרייט זיך,
דער פיש־באַלעט אין פולער פּראַכט אויסגעצירט:
— להתראות, פישעלעך! אַלינקע! טאַנצנדיק,
לאָמיר זיך טרעפן דאָ ווידער — לאָמיר!!!

אין מוזעאום

און אָט אין מוזעאום דערזעען מיר ווידער, —
כ'ווייס, טאָמער אַ כישוף דאָס אויג האָט פאַרפירט?
אויף אַלע ווענט און אין פאַרגלאָזטע וויטרינעס;
אַלץ וואָס אויפן גרונט פונעם ים — באַלזאַמירט.

אָט שטייען זיי טאַקע די קוסטן צעבליטע —
פאַרגליווערט איינגאַנצן, אין גלי־שעמערייר;
די זײַלן און זאַלן פון אונטער ים־פּאַלאַץ
ווו ס'האָבן די שווימיקע מינים וויברירט.

און פאַרביקע פישלעך פּאַליוסקען זיך, שווימען
אַרום אין אַ וואַסערל — פריילעך און פרײַ:
— ס'איז גוט אויך אַפילו אין גלעזערנער טיורמע!
אַז איר זאָלט דערזען אונדז איז אַלצדינג כדאי!...

עס ווילט זיך אײַנפלאַנצן אויף תמיד אין זכרון:
געוויקס און בעל־חי, יעדן נאָמען און קאָליר;
עס שליסן זיך אויף אַלע אונדזערע אוצרות
און ס'יובלט דאָס האַרץ: — פון אַלץ פאַרמאָגן מיר!...

גוט־שבת!...

ס'איז שבת פרימאָרגן און אין שלוה־שאַלן
עס שטייען די שטיבער — אין מנוחה געהילט;
אַ מומר להכעיס איז נאַר הפקר־ווינט — און
צו יעדערנס נאַקעטע אברים ער צילט...

— גוט־שבת! אַ חמימה עליכם טוריסטן!
שטרעקט אוים דער חמסין הייסע בריאיקע הענט;
פריפּלײַסיק ער בלאָזט שוין פונאַנדער (אום שבת!) —
דעם זשאַר — נאָך פון נעכטן — אַזוי ווי ער קען!...

די זון מיטן ווינט מאַכן שותפות — יד־אחת,
און עס דאַווענען ייִדן בציבור אין שיל:

דער דאַך און ווענט שטייען באַפּײַכטע, באַשיצטע
אין פּעלץ אײַנגעהילטע — אין שטרוי אַזויפיל!

און אונטערן שטרוישיכט פון אָפענע רערן,
קיל־שניי־עלעך וואַסער, שטיל טראָפּלען: טריפּ־טראָפּ!
זיי פליסן אָן אויפהער ווי תחנונים טרערן:
— רבונו של עולם, דאָס פײַער לעש אָפּ!

פון אַט דער שיל פליען די פלאַמיקסטע תפילות:
— דײַן זאַמדיקן באָדן באַבויען מיר, גאָט!
און מיט דער זון שטײַגן זיי גלייכער, העכער:
— שענקט מזל און ברכה פאַר אונדזער פאָרט־שטאָט!!!

אַ מאַרק־טאָג אין באר־שבע

דאָס זײַנען זיי, די בעדוּאינער מסתּם?
עס האָט נישט קיין שליטה דער זוניקער פלאַם
אויף זייערע גלידער פאַרדאַרט און פאַרברוינט,
זיי האָבן מיט אים פון קדמונים געוווינט

אין אָפענעם מדבר — אַ דור נאָך אַ דור.
אַ חמימה? חמסינען? נישט זיי אַרט עס גאָר —
אַ שטורעם פון זאַמד איז פאַר זיי ווי אַ שפּיל' —
אָט דרייען זיי זיך דאָ אַרום — אָן אַ ציל,

מיט טראַנטעס אויף טראַנטעס די גופים געהילט:
ווי קענען זיי טראָגן, אויף זיך אַזויפיל?
אַ ראָק אויף אַ רעקל, צעטרענט און צעפליקט?
און ס'פליאָנדערט און שליאָנדערט אַרוים זיך אַ שטיק
פון אונטערשטן מלבוש, צעכליאַפּעט אין גאַנג.
די לויזע לאַכודרעס — קאָלירלאָז און לאַנג
צעטעפּען זיך, שלעפּן זיך נאָך צויטנווײַז

און איבער באַקרעמלטע געסלעך מ'שפּרײַזט
די פים שוואַרץ־פאַרבלאָטיקט (ווען וואַשן זיי זיך?)
אין שווערע ווי קלעצער, גרויהילצערנע שיך.
די לעדערנע זײַנען אויך האַרט אַזוי און —
זיי זעען אוים ווי אויסגעהאַקט פון טשוהון...

דער „שיינער מין" גייט אום פֿאַרהאָנגען, פֿאַרשטעלט
די פּנימער און אויך מיט קרעלן באַקרעלט,
עס באָמבלען זיך פּונעם טורבאַן אויפֿן קאָפּ
מטבעות אויף שנירלעך וואָס פֿאַלן אַראָפּ
גלייך איבער דער נאָז, אַז ס'זאָל נישט זיין הויל —
און ס'קלאַפּן די עקן אַזש איבערן מויל...

אַז ס'טוט זיך דער שלייער אַמאָל אַ פֿאַרהייב,
דערזעט מען אַ פּנים פֿון חשכות און שטויב,
פֿון טראָציקסטן, שוואַרצקינסטלער־ווינט אויסגעפֿאַרבט,
מיט קאַנטיקע פּענדזלען אַ קאַרב אויף אַ קאַרב...

אָט זיצן דריי נשים אויף דר'ערד נעבן הויז, —
אַ שטריך פֿון געזיכט — נישט מ'זעט ווו אַרויס —
אין לייַלעכער שוואַרצע איינגאַנצן פֿאַרדעקט;
זיי זיצן ווי ראָבן דריי, אין אַ דרייַעק,

אין שייַן פֿון פֿרימאָרגן, — אַ פֿינצטערער פֿלעק,
בלויז פֿינטעלעך־אויגן: גלייַכגילטיקייט? שרעק?
ווער ווייס וואָס עס גליט אונטער אַשיקן בליק?...
און נעבן זיי שפּאַצירן אַהין און צוריק
טוריסטנס — די פֿיס, האַלדז און אָרעמס אַנטבלויזט,
אין קליידלעך און בלוזקעס אויף שלייפֿעלעך בלויז, —
אין אולטראַ־מאָדערנעם לבוש אָנגעטאָן
און ס'קוקן די פֿרויען זיך נייַגעריק אָן:
דער אור־אור אַמאָל, מיטן לעצטן סעזאָן — — —

די זון הייבט זיך העכער — דור־דורותדיקן תהום;
מיט שטראַלן פֿון שלום און שלוה פֿאַרשיט — — —
וואָס ווייַטער פֿרימאָרגן — מער משאה די טריט
עס שווערט דינסטער מלבוש, עס פּענטעט די היץ.

און די בעדוינערן, האַלט צו דעם שפּיץ
פון ווייסן טורבאַן — אויף איר קאָפּ בייגלט זיך;
זי האַלט מיט אַ האַנט צוגעפּרעסט צום געזיכט,
עס זאָל זיך אין גאַנג נישט פאַרהייבן אַ ברעג, —
ווען מחמת אַ מכשול עס שאַרט זיך אַוועק
פאַרהידושט איר שטערן — העל־בלוי טאַטויִרט —
די אויבערשטע ליפּ מיט אַ נאָזרינג באַצירט,
אויף פלאַכער ברוסט טאַנצן באַשלייפלטע צעפּ,
און צווישן די ליפּן שטעקט — אַ סיגאַרעט,
אַרום האַלדז די בלוזע קאָקעטיש באַנייט
פון טאַשמעס פּילפאַרביקע — אַ צירונג־קייט
און ס'ווילט זיך איר פרעגן: אַז האָסט זיך אַזוי
שיין אויסגעפּוצט, וואָס־זשע פאַרדעקסטו זיך, פרוי?...

און אָט איז דער מאַרק! צום פאַרקויף אָנגעגרייט
עס ליגט דאָ דאָס גרינס אויף דר'ערד אויסגעשפּרייט
ביז ס'וועלן די קונים זיי אויסלייזן — ביז...
די זון איבער זיי שפּרייזט מיט היציקע פיס
צעמאָרשט זיי, צעפּאַרעט — טוט וואָס איר געפעלט...
נאָר, דאָ און דאָרט שטייט שוין אַ לייטיש געשטעל:
אַ דעכל, אַ ווענטל, אַ בודקע וואָס שיצט,
ס'גרינוואַרג זאָל נישט קאַליע ווערן פון דר'היץ...

עס ציט זיך לאַנג לאַנג איבער געסלעך דער מאַרק
און נאָך אַלע רייען פון מינים עסנוואַרג
לבושים, באַציר, וועבערײַ, שניצערײַ
און אַלץ וואָס אין יעדן מאַרק — זעט מען דערבײַ
עס שטייען דאָרט אויך צום פאַרקויף בעלי־חי...

דאָס הילכיק געקריי, מעקערײַ, הירזשערײַ —
פון עופות און שעפּעלעך, אייזלען און פערד,
וואָס שטייען צום מסחר — פאַרטויבט דאָס געהער;
—מע! קוקוריי! הי־הי! העלפן אונטער אַלעמאַל

דעם מידן פֿאַרקויפֿער, זײַן הייזעריק קול,
וואָס גאָרגלט זיך, מאָנט און דערמאָנט נאָכאַנאַנד:
— קום, קונה! באַקוק און ריר אָן מיט דײַן האַנט!
קום! האָב נישט קיין מורא! באַטראַכט און באַטאַפּ!
ס'אַ ווילדע מציאהלע! קויף עס שוין! כאַפּ!
קויף, קונה! קויף־קויף! כ'האָב דאָס רעשטעלע בלויז!

און טראָט נאָך טראָט טריטלען טוריסטן אַרויס
פֿון זאַמדיקן מאַרק־פּלאַץ — העט הינטערן שטאָט,
מ'ציט זיך צום קעמלמאַרק — ט'איז ער שוין, אָט!
אָט לאָזט זיך אַ קעמל אַראָפּ אויף די קני
גלײַך ווי ער וואָלט זאָגן: „מיך אַרט נישט סײַ־ווי!
אָט שוין! אָט איך פֿאָלג! אַז מײַן בעל־הבית וויל?
ווער איך פֿאַר די ווינטיקע אורחים אַ שפּיל!"...

ער זינקט אַראָפּ טיפֿער — הכנעהדיק, שטיל
און מענער און פֿרויען — די אויגן באַברילט
מיט טונקעלע גלעזער, די פּנימער פֿאַרשטויבט —
מ'טוט זיך ווי קינדער אַ האַסטיקן הויב,
מ'קריכט ווי עס איז אויף די האָרבעס אַרויף, —
און אויף כלערליי קולות פֿון קויף און פֿאַרקויף
צעלאַכט זיך דער מדבר הויך, הפֿקרדיק־ווילד —
באַלד פֿאָטאָגראַפֿירן, אַ בילד נאָך אַ בילד
דעם קעמל און רײַטער, טוריסטישע הענט
מיטצונעמען לזכר אין ווײַטן קאָנטינענט...

די זון שיט און שיט פֿולע שײַבעלעך שײַן —
און פּלוצים — אַ כמאַרע איז אין אויטאָבוס אַרײַן.
„בדואים!" זייער הילך וואַרפֿט אָן חשד און שרעק!

אין פינצטערע פּלאַכטעס פּאַרוויקלט, מיט פּעק;
זיי שלעפּן האַלב־פּולע און פּערטעלעך זעק —
מסתּם אײַנגעהאַנדלט אויף עטלעכע טעג
די וויכטיקסטע שפּײַז אויף באר־שבע יאַריד?

זייער מראה שטעפּט אוים שוואַרצע שטעפּ אין געמיט:
זעגט אײַן שאַרפע שאלות — אַ שפּיציקע זעג...
ביז איינציקווײַז, שטײַגן אַראָפּ אויפן וועג
צו נאַקעטע היגלען זיי לאָזן זיך גיין;
צום לאַך אין באַרג זאַמד — אײַנגעזונקענע היים...

איך כאַפּ זיך אויף, — פון אַ מיראַזש? לאַנגן שלאָף?
שוין אין תל־אביב, אויף רחוב דיזנגוף:
— איז אמת, אַז כ׳האָב עס געזען אויף דער וואָר,
ערשט קנאַפּע צוויי שעה — נישט צוויי טויזנט יאָר?!...

די זרמים

(אַ טאַנץ)

— דאָס זײַנען מיר די זרמים
אַט שטעלן מיר זיך פֿאָר:
אין אונדזער לאַנד מיר שטראָמען
כמעט אַ גאַנצן יאָר.

גרינג די פּיס,
גוט עס איז,
טאַנצן הין און הער!
אַלע גלײַך
מאַכן פֿײַכט
אונדזער אייגן ערד!

מיר קומען במקום רעגן
אויף אַלץ וואָס איז פֿאַרזייט,
פֿאַר אונדזער היימלאַנדס וועגן
באַגיסן יעדן בייט —

ווי געטרײַ
פֿלינק און פֿרײַ

פרײלעך פלײצן מיר!
פֿאַלן ברײט
אױסגעשפּרײט
טראָפּנס אָן אַ שיעור...

מיר שלאָפֿן אין די רערן
און זײַנען תמיד גרײט,
אַז װי נאָר מיר דערהערן:
אַ שליסל אױפגעדרײט —

באַלד אַ שפּרונג,
פריש און יונג,
פלעכט זיך האַנט און האַנט
קעלט און היץ
שפּראָץ און שפּריץ,
שפּריצן נאָכאַנאַנד...

אױף אַלע ערד קאָלירן
אױף שװאַרץ און רױט און גרױ,
פּאַר בײדע הענט זיך פירן
אין זיג-זאַגן אַזױ:

שורותװײז,
אין אַ קרײז,
רונדיק אױסגעשטעלט;
האָפּ און הײ!
אין געדרײ
װוּ און װי ס׳געפעלט...

אויף בערג און טאָלן-שטחים
דאָס וואַסער פליסט און קוועלט:
מיר ברענגען מזל-ברכה
פאַר אונדזער פאַרביק פעלד!

וואַקסן גיך,
הייבן זיך
ביימלעך הויך און שלאַנק.
תבואות גרין,
יעדער מין:
דאַנקט: אַ דאַנק!
אַ דאַנק!...

חמרה

חמרה איז רויט ערד, ס'אַ באָדן אַ פּעטער,
וואָס טוט זיך אָן גערן, אין כלערליי בלעטער.
אויף חמרה וואַקסט אויס אַלץ געדיכטער, געשווינדער
אַלע מינים ירקות און פּאַשע פאַר רינדער.
די בלומען — זיי בלִיען פילפאַרביק געראָטן
די פרוכטביימער ווערן מיט פּירות באַשאָטן,
און די צוקער־בוראַקעס וואַקסן דאָרט אויס,
אויף נאמנות, ווי קירבעסן גרויס...

גאָר שיין איז ווען חמרה באַדעקט זיך אינגאַנצן
מיט יונגיטשקע קוסטעלעך פון פּאָמעראַנצן
און צווייַגל צו צווייַגל זיך טוליען צוזאַמען,
עס זעען אַרויס זיך בלויז, ערד רויטע שראַמען
וואָס שורהען זיך גלייַכע צווישן די פלאַנצן
און טיילן אין בייטן אייַן די פּאָמעראַנצן;
אַנטפלעקט זיך דאָס פעלד ווי אַ גרין פּליושן־קלייד
מיט פעדימער פון רויטע שטעפ דורכגעניית...

און חמרה איז אויך גאָר אַ גוטינקע שכנה
זי חברט זיך מיט אַלע באָדנס אינאיינעם;
זי קומט מיט איר הילף צו דער בלאָנדערד און ברוינערד,
צו גרויערד, שאַטינערד און נאָך און נאָך אַזוינערד.
זי קומט מיט איר פעטקייט זיי גרייט צו באַדינען:
— אַבי לאָמיר אַלע זיך גיכער באַגרינען
באַתבואהן, באַביימערן זיך נאָכאַנאַנד
און זאָל מזל־ברכה זייַן אין אונדזער לאַנד!

מײַן לאַנד

מײַן לאַנד,
ווי איך פֿאַרשטײ, —
איז געגראַמט,
ניט מיט שנײ;
איך ווײס ניט אַפֿילו — וואָס איז דאָס?
איך הער נאָר די באָבע
דערצײלט אַלעמאָל,
מיט אַזאַ אומעטיק שטילן קול —
פֿון ווײַט ווײַט דאָרטן „מעבר לים"
— דערמאָנט זיך פֿון
טרויעריקע זאַכן מסתּם? —
— „אַז אַלעמאָל, אַז אָך און ווײ,
ווי נאָר פֿון הימל פֿלעגט פֿאַלן אַ שנײ —
פֿלעגט דאָרטן ווערן תּיכף, יאָ, באַלד
אָך! אַזוי קאַלט! בררר! ווי קאַלט!"
אַז מײַן באָבעלע ציטערט נאָך הײַנט

און דאָ — זעט ווי פֿרײלעך
די זון לאַכט און שײַנט!
איז ווי קען מײַן לאַנד —
מיט שנײ זײַן געגראַמט?...

כאַ־כאַ! ניט מיט שנײ
און אויך ניט מיט פֿראָסט,

וואָס פּרעסט אויף די צווישן
די בלעטעלעך, דאָס גראָז
און אַ יעטוועדע בלום —
מיין לאַנד איז אַ גראַם
נאָר מיט ליכט און מיט זון
און מיט הימל־בלוי!
דאָ איז וואַרעם אַזוי!
און אויף יעדן אָרט
עס גרינט גרין! גרין!
— אויף מיַין וואָרט!
ווי אַ צברע — איך בין!...

ערב פּסח

— אַ גוט יום־טובֿ! גריסן ביידע
גוטע, ליבע געסט־באַנאַנד,
ס'קומט דער פרילינג מיטן פּסח
גלײַך כמעט, אין אונדזער לאַנד.

לויפט דער פרילינג אָן אַ פריִער;
„פאַרן ברודער יום־טובֿ גרייט,
ביימער, בלומען ווער צעבליִען —
און אַלץ וואָס מ'האָט פאַרזייט!...

פוצן זיך די באַרן־ביימער
פלוימען, פערעשקעס אין צווײַט,
טוען אָן לכבוד יום־טובֿ
לילאַ, ווײַסע, ראָזע היט...

און עס גאָלדיקן מאַראַנצן,
פון אַ יעדן פּרדס שמעקט:
פולע פעסער מיט פּערפיומען
שפּריצן אויס אויף יעדן וועג...

און אין שטיבער שפּרינגען כלים
פון באַהעלטעניש אַרויס,
אויף די נײַע ווײַסע ברעטלעך
פונעם טיש — אַ שטעל זיך אויס.

— „אַזאַ לאַנגן יאָר מיט וואַרטן
אויף דעם טאָג — מיט אומגעדולד!"
אַלע בענק און שאַפּקעס ווערן
קלינגענדיק, מיט זיי פּאַרפולט...

אויפן הויף עס זינגען הינער:
„אָנגעלייגט שוין אייער פריש!"
און אין וואַנע, האַלב מיט וואַסער
פליוסקען פריילעך קאַרפּן־פיש —

אין די אייגענע באַסיינען
אויפגעכאָוועט זיך אין זעט,
פאַר די היימען אין ישראל
אויסגעוואָקסן גרויס און פעט —

אויסגעכשרט בלוי דער הימל
דורך די פענצטער שיינט אַריין
און עס צווישערן די פייגל:
— אַ גוט יום־טוב זאָל אונדז זיין!

פינקלען אויף די פולע כוסות
טרויבן־ווײַן פון אייגן פעלד:
— „שהחינו וקימנו!"
זינגט און בענטשט עם ישראל!

טיולים

אין ירושלים, תל־אביב, רחובות,
אין חיפה, באר־שבע, אין דאָרף און אין שטאָט,
אין גאַנצן לאַנד זעט מען מיט חידוש און פרייד,
ווי רייענווייַז קינדער מ׳גייט און מ׳גייט...

זיי לאָזן זיך אַלעמאָל אויף אַ טיול,
אינאיינעם מיט זייערע לערער פון שול —
וואָס שפּרייַזן בײַם זייַט, טראָט בײַ טראָט גלייַך מיט זיי
און היטן אָפּ בײַ יעדן ראָג און געדריי
עס זאָל נישט אַ קינד פון דער שורה אַרויס
און אַלעמאָל דאָ און דאָרט — גלייַכן זיי אויס...

— טיולים! טיולים! רק מ׳גייט און מ׳פאָרט.
אָט גייט מען באַזוכן אַ היסטאָרישן אָרט
באַקענען זיך מיט אונדזער עבר געננוי...
וואָס דויערט שוין טויזנטער יאָרן אַזוי —

אָט קרייַצן זיי איבער אַ פרישן אַספאַלט
כדי אָנצוקוקן אַ נייַעם אַנשטאַלט,
אַ וווּנדער געבוי וואָס איז שיין און באַקוועם
עס ווילן די קינדער אַלץ וויסן און זען,
באַטראַכטן זיי נייגעריק אַלץ וואָס מ׳טוט —
אָט אין ירושלים, צום הויז פון סוכנות
אַ מחנה פון קינדער — קיין עין־הרע ניט! —

זיך ציִען מיט ריטמיש צעזוגענע טריט
צום רונדיקן ראָג און פול׳ בלומיקן הויף,
אַהין וווּ עס שטייַגן בשותפות אַרויף
די קרן — אַנשטאַלטן פון אונדזער יסוד.

באַקוקן די קינדערלעך אַלצדינג און אַט —
דערזעט מען זיי ווידער אין אַן אינדערפרי
אין רחובות, אין דעם גן פון נשיא.
מען גייט און מען פאָרט אין דער לאַנגער אַליי
צווישן די ביימער מיט צווייט אַלערליי,
געדיכטע פרדסים ביַי יעדן זייַט וועג,
מיט בלומען באַפלאַנצט און באַגראָזט יעדער שטעג —
מיט אימפעט אין טראָט און מיט דראַנג אין געמיט
עס ציִען זיך אַלע — ס׳אַרא כוח עס ציט!
צום פשוטן שטיין מיטן נאָמען וואָס שמט.

דאָ רוט אונדזער ערשטער מדינה־פּרעזידענט
און מנוחה פון פלאַנצן, זיי תפילהן איבער אים
מיט בלייִקע ליפּן און כל הבשמים —
קוקן קינדער מיט יראת־הכבוד אויפן שטיין:
נאָר בלויז ח יי ם ווייצמאַן זייַן נאָמען אַליין?
און דער איין און איינציק באַשיידענער שריפט
פאַרקריצט זיך מיט ליבשאַפט אין האַרץ אַרייַן טיף...

און אָט פאָרן פיצעלעך אויף אַ שפּאַציר,
אַ פולן קינדער־גאָרטן די לערערקע פירט
צום ערשטן מאָל איצט „אַזוי וויַיט!" — „מיט אַ באַן!"
און זיי מאַכן אָן דאָ אַזאַ טאַ־ראַ־ראַם...
די צענדליקער מייַלעכלעך מאָלן באַנאַנד
מ׳רעדט און מ׳לאַכט און מ׳זינגט נאָכאַנאַנד,
דער גייט זיך, דער דרייט זיך, די הייבט זיך פון אָרט
עס קוועלט פון די קולכעלעך — אַז ווער עס פאָרט

מיט אָט די שובבימלעך אין איין וואַגאָן —
מיט זייער געלעכטער און פרייד שטעקט זיך אָן...

אַז וואָס זיי דערזעען און פאָרן פאַרביי
באַלד מאַכן די הענטעלעך אַ פּליעסקעריי
און נאָך מערער פרייען זיי זיך אַזוי שטאַרק,
וואָס זיי וועלן זען אין באר־שבע דעם „מאַרק"
„מורה" וועט זיי פירן אויף הינטערשטאָט־הויף
ווו ס'קומט פאָר דער מדבר־מאַרק — קעמל־פאַרקויף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גרעסערע גייען אויך אין אַ פאַבריק
צו זען די מאַשינען פון נייסטער טעכניק,
וואָס אַרבעטן אויס יעדן מין גוט און גיך
און עס באַגלייט זיי דערביי אַ מדריך;
צו לערנען פון אַלצדינג וואָס בויט זיך אין לאַנד, —
מאַכן זיי טיולים נאָכאַנאַנד.

מ'זעט זיי שפּאַצירן צו באַן, אויטאָבוס
און איבער די גאַסן מאַרשירן צופוס,
ווי אויף גאָר דער וועלט אויסגעשטעלטע צו צוויי
עס שורהן זיך קינדער געקייטלט אין ריי.
אויף שטאָטישע גאַסן זיי האַלטן אָן סטאַט;
עס גייען זיך אַלע בסדר כמעט —
צערוישט מען דערפאַר זיך אין באַן און מ'שטיפּט
אַז ס'דוכט זיך — זיי טרייבן דעם לאָקאָמאָטיוו...

עס טרעפט, עס באַגעגנען זיך באַנען צוויי,
וואָס אויף אַ טיול פאָרן קינדער אין זיי
און איין באַן צום צווייטן באַן טרובעט: „טרו שטיי!"
אַך! הייבט זיך אויף דעמאָלט אַ שמחה־געשריי!
וואָס זיי טומלען אויס אין איין רגלע בלויז!

עס רוקן זיך קעפּלעך פון פענצטער אַרויס
און פּנים אל פּנים, זיי קוקן זיך אָן
און אַז סע בלײַבט שטיין אַ וואַגאָן בײַ וואַגאָן
באַלד ווערט מען שוין חבר, מ׳ווייזט וואָס מ׳קאָן —
מ׳מאַכט אַלע קונצן — און פּלוצים: „שלום!!!״
פון צענדליקער, הונדערטער קינדער אין כאָר
אַ הילך טוט אַרויס — ווען אַ באַן טוט אַ פאָר,
— „שלום!!!״ טוט אַ שאַל צום געזעגענען זיך,
„שלום!!!״ ביידע באַנען אַנטלויפן אויף גיך
די אַהער, די אַהין, קנאַל און שאַל פון צעשייד —
באַן־רעדער אויף רעלסן — געשרייען פון פרייד
שלום!!!״ און „שלום!!!״ טראַ־קעטאַ! טראַ־קעטאַ!
אַ גרילץ, אַ געהילך, אַ געליאַרעם אַזאַ!
מ׳פאָכעט די הענט און מ׳שרייט אויף אַ קול:
— שלום! און שלום!! נאָך אַמאָל!! און נאָך אַ מאָל —
ווערט דער גאַנצער אַרום מיט „שלום!״ אַזוי פול
אַז ס׳דאַכט זיך, די בערג, מאַכן אויך אַ טיול...

פון אַלע תפוצות ישראל שטאַמען זיי
די קינדערלעך אונדזערע — קעפּ אַלערליי
שאַטין, בלאָנד און רויט און ווי קויל שוואַרצער וואָל
וואָס רינגלט זיך אין רינגעלעך אָן אַ צאָל...

אויף אַלעמענס ליפּן איין לשון: עברית.
עס זינגט אייגן ערד אונטער זייערע טריט
און ס׳יידישע האַרץ מיט אַ ברכה פּאַלט־צו, —
צו אונדזערע קינדערלעך:
— כן ירבו!

פּאָליציי

אויף ראָגן וווּ ס'קרייַצן זיך וויכטיקע וועגן
און ס'לויפן מאַשינען אַדורך — אַלערליי,
אויב ס'איז נאָר אַ שולע פאַראַן אין דער געגנט
שטייט דאָרטן אַ קינד פון פאַרקער־פּאָליציי.

ווען ס'הייבן אָן שילער אין שולע זיך ציִען
און ס'גייט אָן דאָס אויטאָ־געיעג נאָכאַנאַנד,
דערזעט מען אַ קינד שטייט — אין לאַנג־ווײַסע אַרבל
עם בלענדן די אָרעמס — אַ פאָן אין דער האַנט.

און שילער וואָס קומען אָן פון ביידע זײַטן
אַרום פּאָליציי־קינד זיי בלײַבן זיך שטיין.
ס'וועט דעמאָלט אַ שטיפער — דער גרעסטער אַפילו,
נישט פּרוּוון די גאַס איבערקרײַצן אַליין.

זיי שטייען און קוקן און וואַרטן געדולדיק
און אַז מערער קינדערלעך קלײַבן זיך אָן —
טוט דאָס פּאָליציי־קינד — אַ שטרעק־אויס די אָרעמס
און אויפן שטאַנגשפּיץ טוט אַ פלאַטער די פאָן.

אויטאָבוס און שרות, מאָטאָנעט, ביציקלעט,
אין מיטן געלאַף בלײַבן שטיין אויפן וועג,
ביז ס'גייען די קינדער געלאַסן אַריבער
דער לעצטער קומט־אָן אויפן אַנדערן ברעג.

טוט דאָס פּאָליצייַ־קינד, אין הייזלעך, אין קליידל
אַ פּאַך מיט דער פּאָן אין האַנט, ס׳הייסט אַז מ׳מעג —
צערוישן זיך ווידער אויפסנייַ די מאָטאָרן
מ׳רעדל׳ט אויף גיך־צו דער אַרבעט אַוועק...

און ס׳האַלטן נאָך שילער אין קומען און קומען
און יעדער מוז וואַרטן ביז ס׳קומען אָן נאָך —
ווען דאָס פּאָליצייַ־קינד וועט אַלע מאַשינען
אָפּשטעלן אין מיטן געלאַף — מיט אַ פּאַך...

נאָר, דאָס סאַמע שענסטע איז — וואָס אַלע מענטשן
וואָס ווערן פאַרהאַלטן פון דער פּאָליצייַ
קוקן מיט שטאָלץ אויף די קינדער און קוועלן:
— אונדזער בעסטע אַרמיי, —
אַלע ברכות אויף זיי!...

יד חיים ווייצמאַן

מלאכים אין דורכזיכטיק בלוי־גאָלד געוועב,
צווישן די זוניקע זײַלן מ׳שוועבט
אַרום מיט די פליגל פונאַנדערגעשפּרייט
אין אָפּענעם טויער: — גייט קינדערלעך, גייט!...

אַ סאַמעט גרין טאָליקל כאַפּט מיך אַרום:
— „קום! טו זיך אַ קײַקל־אַראָפּ אין מיר — קום!
די ביימער ווי קרובים: — „ס׳אַ ליבער גאַסט! אָ!
און פייגעלעך פרייען זיך: „ברוך הבא!״.

— זע, מאַמעלע מײַנע! פאַרבליפט בלײַב איך שטיין.
איך גלייב זיך אַליין נישט — איך מעג ווײַטער גיין?
איך האָב דאָך געלערנט און ווייס דעם פאַרבאָט:
פאַרטריבן דעם מענטש פון גן־עדן האָט גאָט!?...

צעשײַנט זיך די ליכטיקע לאַנגע אַליי:
— „גיי ייִנגעלע טײַערער! גיי ווײַטער גיי!
און בלעדליי קוסטעם און בלומען־געציר:
— „מיר וואַקסן און בליִען דאָ טאַקע פאַר דיר!...

גיי איך און איך גאַף אַלץ מער — מיט יעדן שפּאַן:
— „געוויס פון בראשית אָן, דער ערשטער גן?
און אפשר? — איך קוק זיך אַרום — צי עס וואַקסט
דאָ אויך „עץ החיים״ און דער „עץ הדעת״?...

דערזע איך צוויי ווערטער פון אותיות פיר:
— „קרית המדע" טאַקע דאָס זײַנען מיר!
די ביימער פון וויסן און לעבן באַנאַנד"... —
קוק איך אויף די שיינע בנינים אין גן.

איך לייען דעם אויפשריפט — כ'וויים דעם באַדײַט:
דאָ זיצן די גרויסע געלערנטע לײַט
און מיט זייער פלײַסיקייט אַלץ מער און מער
גיט זאַפטיקע פּירות אַרוים — אונדזער ערד.

דער שומר דוויד, שענקט צום אָנדענק אַ בילד,
דערזע איך, עס שמייכלט צום מיר קלוג און מילד
נשיא חיים ווייצמאַן: — „אַלץ וואָס דו זעסט דאָ,
איז דאָך אויף אַן אמת — יאָ, יינגעלע, יאָ!...

אונדזער שטיפערבאַן

קיין ירושלים, פון תל-אביב
לויפט אונדזער שטיפערבאַן און שטיפט.
צווישן די פיס פון די בערג לויפט אַרום
מיט אַ פּײַפערײַ: טרו-אום! טרו-אום.
לויפט און פריידט זיך און דרייט זיך אַרום
און זאָגט אָן די גוטע בשורה: — איך קו-אום!
— איך קו-אום!...
דרייט זיך אַריין און אַרויס אַלע ווײַל.
לויפט און שלינגט-אײַן אַ מײַל נאָך אַ מײַל.

האָפּעט און שפּרינגט,
הודזשעט און קלינגט.
אַנטלויפט פון אַ באַרג,
און לויפט צו אַ באַרג.
טרייסלט און האָצקעט
און וואַרפט אַזוי שטאַרק
אָט אַהין, אָט אַהער,
אַלץ מער און מער.
און טרובעט נאָכאַנאַנד
ט ר ו - א ו!

מיט בראַזג און האַרמידער,
הילכט אָבער און ווידער:
— טרו-או! ווו ביסטו, ווו-או?!

איך שלענגל זיך אַרויף!
אָט הייב איך זיך אויף!
ט ר ו - א ו!
איך קום שוין צו דיר!
וואַרט אויף מיר!
ט ר ו - א ו!...

הייבט זיך אַ שטיינבאַרג,
שטעקט אַרויס זײַן קאָפּ.
כאַפּט אונטער שטיפערבאַן,
— האָפּ-האָפּ-האָפּ!
און אחד-שתים, אַ גליטשל אַראָפּ...
אין אַ טאָל
לאַנג און שמאָל
באַהאַלט זיך אויס —
רוקט זיך אויף גיך
נאָך אַ שפּיץ באַרג אַרויס:
— שלום אונדזער באַן! אָ!
שלום! און שלום!...
מיט שימחה און ליבשאַפט
דעם לויפער קוקט אָן:
— „אַהאַ! שטיפערבאַנטשיק!
איך האָב דיך געפּאַקט!?

האָפּען וואַגאָנעס, מ׳גרילצט און מ׳קנאַקט:
— טיק-טיק! און טאַק-טאַק!
און טיק-טיק! און טאַק-טאַק!
טיק-טאַק! טאַקע יאָ!
און טיק-טאַק! טאַקע יאָ!
נאָר סײַ ווי סײַ —
קיין צײַט ז׳נישטאָ!

אין איינס, מיט אַ האַלבער שעה
דאַרפן מיר זײַן!
זײַן! זײַן! זײַן!
א י ן —
י ר ו ש ל י ם!!!
ט ר ו - א ו ם!

טוען אַ ברום
בערג גרוי און אַלט:
אָט ווײַזט עס זיך
און ווערט נישט באַלד!
רייצט זיך גאָר!
פלאָנטערט זיך נאָר,
בײַ אונדזערע פיס —
אַזאַ
שטיפערבאַן דאָס איז!...

קינדערלעך פון קיבוצים

הייבן זיך אַ קרענצל קעפּלעך,
שוואַרצע, בלאָנדע און שאַטין;
שטײַף די פּיסלעך, רונד די בעקלעך:
קינדערלעך פון קיבוצים.

דאָ געבוירן, דאָ געפּויזעט,
דאָ געשטעלט די ערשטע טריט
און דאָ זײַנען אויפגעגאַנגען
ערשטע קלאַנגען בעברית...

אַלע שפּילן זיך אינאיינעם,
אַלע שלאָפן אין איין הויז;
נאָכן לערנען יעדער איינער
אין דער אַרבעט העלפט אַרויס.

רות — אין גאָרטן בײַ די גרינסן,
אורי — בײַ אַ בלומען בייט;
דני — שיט אָן פאַר די הינדלעך
קערנדלעך צום פּיקן גרייט.

פון די זעלביקע מאכלים
אַלע עסן — בײַ איין טיש,
מילך — פון זייער קו זיי טרינקען
אייער — פון די הינער פריש.

גלאַנצן גליקלעכע די אויגן
און די קולכלעך קלינגען קלאָר;
— גוט אויף אונדזער ערד צו טאַנצן
און צו זינגען אין איין כאָר.

— פול מיט גרינס איז אונדזער גאָרטן
פול מיט היגער אונדזער לול!
און מיט צברעלעך געזונטע
פול איז תמיד אונדזער שול!

— הייסער בלאָזער! שרעק די זאַמדן
כאַ-כאַ!... לאַכן פון חמסין
פולע, פריילעכע און פעסטע
קינדערלעך פון קיבוצים.

פֿאַלשירמער

ווער האָט דאָ אַזוי אויסגעבעט
אַזאַ־אַ גרויסן פּלאַץ?
מיט געלן זאַמד ווייך אויסגעגלעט,
— אַ גאָלדענעם מאַטראַץ?

כ'זע אויבן דרייט זיך אַן אַוויאָן,
— אַלץ לאַנגזאַמער זיך דרייט?
אַז ס'דוכט זיך אוים — ווער ס'קוקט אים אָן —
אַז אין דער לופט ער שטייט

און — וואָס איז דאָס? מיר ווײַזט זיך אוים,
ער שטעלט זיך מאַקע אָפּ?
און — מיטאַמאָל: אַ לאָז אַרוים,
— אַ פּינטעלע אַראָפּ?

און נאָך און נאָך — ווער זײַנען זיי,
די פּינטעלעך ווער? ווער:
וואָס איינס נאָך איינס אין גלײַכער ריי
זיך ציִען צו דער ערד?

נקודות, ווי פון אלף־בית
זיך פּינטלען אַזוי גרינג?
יאָ טאַטע! מאַמעלע איך ווייס!
איך ווייס שוין אויך אַלצדינג!

דאָס זײַנען דאָך די בראַװע זין
די פֿאַלשירמער, — זײ! זײ!
יאָ! װי אַ ייִדיש קינד איך בין, —
אינגאַנצן איך פֿאַרשטײ!...

פֿאַרזייערטוועגן ליגט געדיכט
דאָס זאַמד און עס פֿאַרהיט
זיי זאָלן נישט צעקלאַפּן זיך
חלילה! — קיינמאָל ניט!

***

אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון אַזוי הויך
און שוין אין דיי אַרײַן!
יאָ! טאַטע מאַמעלע — איך אויך!
— אַ פֿאַלשירמער וועל זײַן!!!

וויג-ליד

שלאָף און שמייכל קינד מײַן טײַערס
אונדזער הימל ווערט שוין בלאָ;
ביסט געבוירן שוין אַ פרײַער,
אין אַ מזלדיקער שעה.

פעסט און זיכער איז דער באָדן
ווו עס שטייט דײַן וויג אַצינד,
וואָס דײַן טאַטע-מאַמע האָבן
אויסגעלייזט פאַר דיר, מײַן קינד.

וואַסער פליסט שוין אויך צום נגב,
נײַע היימען בויען זיך:
נײַע פענצטער; יעדע רגע
שײַנט אויף העלער אונדזער ליכט.

זינגען שוין גאָר נײַע לידער
נ׳אונדזער טאָל, אויף אונדזער באַרג,
דײַנע גרויסע שוועסטער, ברידער:
— וואַקסן זאָלסטו גרויס און שטאַרק!

שיר־ערש

עברית: דוד פאיאנס

שכב, חיך, הבן יקיר לי,
עין שמינו כחול הופכה;
בן-חורין ילדתיך
בשעה טובה צלחה.

איתנה בטוחה הארץ,
בה עומדה עריסתך;
אבא-אמא גאולוה.
ילד חמד בעדך.

מים כבר זורמים לנגב
ובתים נבנים רבים
ואורנו בכל רגע
מזדהר באשנבים.

חדשים השיר, הזמר.
גם בעמק, גם בהר
של אחינו אחיותנו
צמח וגדל, חזק וגבר!

ראש השנה

יום־טוב ראש־השנה קומט אָן מיט גענאַד;
עס רוען די רווישיקסטע גאַסן אין שטאָט,
זיי קוקן מיט ליבשאַפט נאָך, פאָרכטיק און שטיל
ווי ס'גייען און גייען זיך ייִדן אין שיל.

די שויפענצטער אויסגעפוצט יום־טובדיק ניַי
באַגריסן די ייִדן וואָס גייען פאַרביַי,
— אַ יאָר פון כל־טוב זאָל זיַין! — ווינטשן זיי אָן
ס'זאָל ליגן אין זינען צו לויפן אין קראָם!..

און אויך אויף די פעלדער, ווי וויַיט ס'זאָל נישט זיַין,
ציִען זיך ייִדן אין שילעכל אַריַין,
זיי טרעטן אין זאַמדן און וו ס'לאָזט זיך נאָר,
פאַרן גאַנצן משק, אויסצובעטן אַ גוט יאָר...

צעפאָכען זיך ביימלעך, די צוויַיגלעך צעשפּרייט:
— בעט פאַר אונדזערטוועגן אויס פרוכטיקע פרייד!
און עס מוקען די קי: — פאַר אונדזער וויל בעט:
עס זאָל זיַין אַ יאָר פול מיט פאַשע און זעט!...

און עס בעט זיך די ערד: — כזאָל נישט ווערן פאַרשעמט,
אַריַין זאָל אַ ברכה אין איַיערע הענט,
אַז אויפגיין זאָל וואָס איר פאַרזייט אין מיַין מיט;
מיט שמחה זאָל זיַין מיַין געראָטענער שניט!

און נאָך העכער הייבן זיך פון אומעטום
די תפילות פון אונדזערע גרענעצן אַרום:

— די בעסטע מתנה פאַר אונדז ניי־יאָר ברענג:
אַז שלום זאָל הערשן אויף דער גאַנצער לענג!...
און עס שאַלט אויף פון די בערג און פון טאָלן אין כאָר:
— „לשנה טובה! אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר!“.

אַ מאַמע אין ישראל

מײַן קינד
מײַן קרוין
מײַן אַלץ!
ווי גוט איז מיר
ווען דו הענגסט אָן
אויף מײַן האַלדז
דײַנע צווײ בלויע פערל.
פערל?
פערל קריגט מען דאָך פאַר געלט
און אַזאַ ים-בלוי ווי כנרת —
איז דאָ איינס נאָר אויף דער וועלט
איינס?
— און איך האָב צווײ!
אָט באָד איך זיך אין זײ
וויפל נאָר איך וויל
אין ביידע מיטאַמאָל.
מײַן קינד!
מײַן באַרג
מײַן טאָל
מײַן אויפגעבליטער גליל!
טויזנט אויגן האָט דײַן מאַמע
פאַר דײַן שטראַלנדיקער שפיל!
אַן אויג
פאַר יעדן בויג
און ריר —

פון דײַנע ראָזע פינגערלעך
וואָס שפּינען אויס
די זון — פאַר מיר!
טויזנט לאָמפּן,
וואָס ברענען זיך שטיל
אויף דײַן וועג, אין רייען צוויי
אַז דו, מײַן קינד
זאָלסט שפּרײַזן צווישן זיי
אין ליכטיקייט
צו אונדזער אויסגעחלומטן ציל.

בלוי און ווייס איז מײַן קאָליר
און איך פלאַטער איבער דיר
טאָג און נאַכט
מײַן קינד, אין וויג...
און —
דערזע איך די שטאָלענע
משחיתים פון קריג!
אַ ביקס, אַ טאַנק
אַן אָנגעשטעלטן האַרמאַט
און דערנעבן
מיט לײַב און לעבן
אויסגעשטרעקט
אַן אונדזעריקער יאַט,
אויף אונדזער גרענעץ
„על המשמר"
— גרייט!
בליצן אויף
אַלע טויזנט לאָמפּן פּאַראַמאָל
מיט סכנה־רויט,
רײַסט אויף אין טויזנט שפּליטער
מײַן קול
— מאַמע־געבריל צו גאָר דער וועלט: —

מזרח און מערב;
דעם שטאָל
נישט צעצינדט,
עס וואַקסט מײַן קינד,
עס הייבט זיך די זון;
צעהעלט מײַן געצעלט
וועלט!!!
וועלט!!!

װעלדער פֿון קרן קימת

אויף די הרי־יהודה, פֿאַרװיסטע מיט שטײנער
װי אַלערלײ פֿאָרמיקע טרעפּ איבער טרעפּ,
צעװאַקסן זיך װעלדער, צעצװײַגן זיך בײמער,
װי גרינע פֿונאַנדערגעלאָזענע צעפּ.

ס'װעט יעדער ישׂראל־ייִד זאָגן: ס'איז אמת.
— אױך װער ס'האָט געמאַכט אױף דערװײַל אַ שפּאַציר —
דאָס זײַנען די װעלדער פֿון קרן־קימת,
איך טראָג נאָך אַצינד זײערע ריחות אין מיר...

װי קאָן אויף אַ שטײן, אַ געװיקס זיך אײַנהאַלטן?
װי קאָן גאָר געמאָלט זײַן, אַ װוּנדער אַזאַ?
די בײמערשע װאָרצלען דאָרט — פֿעלדזן צעשפּאַלטן,
די װאָרצלען פֿון גיבור „ארן הסלע".

ער איז פֿונעם מין נאָדלבײמער, זײַ גרינען
דאָך אין אַלע זמנים. אַך, זײַנען זײ שטאַרק!
נאָר דער, אױסדערװײלטער איז פֿון אַלע מינים,
דער בעסטער קלעטערער, אױף יעדן באַרג...

װיפֿל מאָל בײַט מען דעם באָדן דאָרט איבער,
און װאָס פֿאַר אַ שטײנער אױסרײַסן איז באַשערט
אַז ס'זאָל דער שטאַם פֿון גרין־נאָדלדיקן גיבור
דערשפּירן אונטער זיך — אַ כּזית ערד.

ערשט נאָכדעם, צווישן די שטיינער, אינמיטן,
ווי אויף ווייכע בייטן מ׳פלאַנצט זיי אַרײַן
און שומרים געטרײַע, די ביימעלעך היטן
זיי זאָלן איין רגע — נישט דורשטיק זײַן —

וואָס ווײַטער עס וואַקסן די וואָרצלען פונאַנדער,
אַלץ פרײַער צעשפּרייטן זיי זיך — אומגעשטערט,
אַלץ טיפער זיי ציִען זיך אויס נאָכאַנאַנד און,
עס ווערן די שטיינערנע שיכטן — זייער ערד...

דערזעט מען, עס קניִען די שטיינער צו שטאַמען
— נאָר אויף הריייהודה אַזאַ וווּנדער קאָן זײַן —
עס פלעכטן זיך נאָדלדיקע צווײַגן צוזאַמען:
די הויכע, פעלדזיקע בערג — זיי נעמען אײַן!...

קיעלעד

מײַן שוועסטערקינד, מאשע אלישיב

— שחורה! יפה! איליאַנה!
צופיה! אביבה! שושנה!
תכנסי! אַרײַן!...

— — — — — — — — — —

מ׳רופט אויס איינס נאָך איינע
און ס׳גייען שטיל און פײַן,
די קיעלעך די שיינע
אויף גיך, אין שטאַל אַרײַן.

פאַר יעדער קו ז׳פאַראַנען
אַזאַ מין אָפּצאַם דאָרט,
און רויִקע זיי שפּאַנען
זיך, יעדע צו איר אָרט.

עס האָט נאָך נישט געטראָפן
פאַרבלאָנדזשען זאָל שושנה,
אביבה, צי צופיה,
צי יפה, צי איליאַנאַ.

מ׳מעלקט זיי אויס באַגינען
אַזייגער פיר פאַרטאָג.
פאַרמיטיק און פאַרנאַכט אויך;
מ׳מעלקט — דרײַ מאָל אַ טאָג.

זיי האָבן נישט דעריבער
אויף קיינעם קיין פאַדראַס,
זיי קוקן מיט געטרייַשאַפט
אויף זייער באַלעבאַס.

און ווען די באַלעבאָסטע
טוט נאָר אַ קו אַ גלעט,
באַלד דרייט זי אויס איר קאָפּ און,
אויף מו-לשון זי רעדט:

— מו-מו ווער גרייט אָן עסן
אַזוי געשמאַק, ווי דו?
— מו-מו איז ערגעץ אַנדערש
נאָך אַזוי גוט — אַ קו?...

זיי שטעלן זיך אַנידער,
די הינטער-פיס צעשפּרייט
און גוטע אויגן מאָנען:
— נו, מעלק מיך, כ׳בין שוין גרייט!

און דזשין-דזשין! נעמען פּלייצן
דורך אַלע פינגער צען
די וואַרעמינקע שטראָמען
און ווייסינקע אַז ס׳בלענדט.

— דזשין-דזשין! דזשין-דזשין! **דזשינדזשען!**
און שפּרינגען נאָכאַנאַנד,
ביז דער עמער מילך ווערט
אַ פולער ביזן ראַנד.

רופט מען אויס: „איליאַנאַ!
החוצה לצאת" —

רירט זיך באַלד איליאַנאַ
און — אויף צוריק זי גייט.

ווײַל ס'איז אַ שמאָלער שטח
דער אָפּצאַם ווו זי שטייט.
זי קאָן זיך נישט אויסדרייען
און — אויף צוריק זי גייט.

און וואָסער קו עס הערט נאָר
איר נאָמען רופט מען אויס,
טרעט זי הינטערווײַלעכץ
און — גייט פון שטאַל אַרויס.

***

אָ, קיִעלעך שוואַרץ-ווײַסע
מיט אײַטערס גרויס און פול,
ווו האָט איר דאָס געלערנט
מו-או אין וואָסער שול ?

און ס'ציִען אויס די העלדזער
די קיִעלעך : מו-אור !...
— אָט-דאָ, אין מאַשקעס משק,
אַ סטאַנציע נאָך אַזור !...

אַן אייל־בירט־בוים

אין צפת איז דאָ אַן איילבירט־בוים, —
אַן איבער טויזנט — יאָר — געצעלט;
אַ גאַנצן הויף פאַרדעקט זײַן קרוין:
דעם הויף פון „הרצליה״־האָטעל.

אַז ס׳קומט בלי־צײַט, פוצט ער זיך אויס,
ווי יעדער בוים אין צווישן־ציר,
נאָר, זײַנע פּירות וואַקסן גרויס:
איילבירטן — ווי מאַראַנצן שיעור!...

זײַן שטאַם איז אַזוי רונדיק ברייט
אַז זיבן קינדער קאָנען קוים
מיט ביידע הענטלעך אויסגעשפּרייט
אַרומנעמען דעם אור־אור־בוים...

און אין דער קני פון זײַן פוס־שטאַם
אַן אָפן טיר רופט — קום צו מיר!
דאָ איז אַ חדרל פאַראַן!...
און ווער עס שפּרינגט אַרײַן דורך איר.

בלײַבט ביזן האַלדז זײַן גוף פאַרשטעלט.
דוכט זיך, זײַן קאָפּ שטעקט אין אַ ראַם
און ס׳קוקט אור־זיידע בוים און קוועלט:
— אַפּירה־פּנים אויף מײַן שטאַם...

מיסטקלײַבער אין צפת...

אין אונטערשטן שטאָט-טייל פון צפת,
אַ געסעלע לענגלעך און שמאָל,
וואָס קייקלט זיך ווי אויף אַ שפּאַס,
און נידערט פון טרעפּ אָן אַ צאָל,
פון באַרג-טייל אַראָפּ אינעם טאָל
און ציט זיך דאָ אויס מיטאַמאָל
צווישן צוויי גרוילעכע ווענט,
געמויערט פון שטיין און צעמענט:
— זיי זעען אויס דער פונדאַמענט
די זײַלן פון אויבערשטער גאַס
וואָס ציט זיך דאָרט אויס אין דער ברייט
און שײַנט פון אַספאַלטענער פרייד...

פאַראַן שוין אַזעלכע אין צפת
און דווקא אַ סך, גאָר אַ סך!
אָט ליגט אַזאַ גאַס אויסגעשפּרייט
הויך, איבערן געסעלע דאָ
עס זעט אויס אַזוי ווי אַ דאַך...

דאָס אַלט אונטערגעסעלע האַלט
איר עול אויף די פּלייצעס געטרײַ. —
עס ווײַזט זיך אויס אָט וועט זי באַלד,
די שטאָלצע אויבערגאַס דאָ, דערבײַ
אין פּלײַסיקן בוי איבער איר
אינגאַנצן פאַרשאָטענען שיעור...

דאָס געסעלע שטעקט סײַ ווי סײַ
אין שאָטן, פֿאַרשטעלט און עס קוועלט
פֿון נחת אַרויף: — ס׳איז כדאי!...

— אָ! אויבן איז אַלץ אַזוי נײַ!
בנינים פֿון גלײַכן געשטאַלט
די פֿענצטער — פֿאַרפֿרי אויפֿגעפּראַלט
פֿאַרפּולטע מיט זוניקן זין —
פֿאַרחברן זיך מער און מער
מיט ווּוקסיקן בלײַקן מין...

דאָרט פֿאָרן די אויטאָס שוין פֿרײַ,
לעם שטאָקיקע הײַזער פֿאַרבײַ
זיי לויפֿן מיט לוסטיקן האַסט —
אין אַן אונטערגעסל פֿון צפֿת;
דאָ פֿלעכטן זיך שטיבלעך צונויף
איין דאַך איז דעם אַנדערנס הויף
פֿון הויף הייבן ווידער זיך טרעפּ
צו אַנדערע דירות אַרויף.

מען טרעפּלט אַרויף און אַראָפּ
עס זײַנען געוווינט שוין די פֿיס
זיי האָפּסלען „האָפּ-האָפּ! אויף און אָפּ,
אַריבער טרעפּ, טרעפּ אָן אַ צאָל
און ווער עס היפּט איבער און שפּרינגט
צו צוויי און צו מער מיטאַמאָל...

אָט זיצט מיט אַ קעפּקע אויפֿן קאָפּ
אַ שטיבעלע — און אירע טרעפּ
זיי טרעפּלען זיך זײַטיק אַראָפּ...
פֿאַרלירן זיך קונציק פֿון אויג —
באַלד טוט זיך איר פֿלייצע אַ בייג

דערזעט מען אַן אויבערשטן הויף
און פון ערגעץ-ווו מיטאַמאָל
אַ שטיבעלע קלעטערט אַרויף.
אַ צווייטע, מיט דראָבנינקע טריט,
באַלד שטאָפּלט מען שוין זאַלבעדריט
און אָט קריכט אַרײַן אין דער מיט
אַ פּערטע, אַ פינפטע אין גאַנג —
זיי זיצן שוין דאָך אַזוי לאַנג
אינאײנעם די דירהלעך, דאָ:

די שכנהס — צעשיידן זיך ניט!...
אָט קוקט זיך אַ גאַניקל אָן
— אַנטקעגן, מיט נאָך אַ באַלקאָן,
דערזעען זיי זיך אַזוי נאָנט
צעקושן זיך ביידע פאַר פרייד
און איבערן געסעלע, הויך —
באַנאַנד אין דער לופטן מע שטייט
זיך אַזוי — צוגעטוליעטערהייט...
און לייטערלעך הענגען פאַדרייט
פאַרפלאָנטערט דורך טויער און טיר
ווי רעטענישן אָן אַ שיעור
אַרויסגעענגעלעך אַזויפיל
וואָס פירן נאָך טיפער אַרײַן
ווי אין אַ פאַרכישופטער שפּיל...
פאַרבלאָנדזשעט אַהין ווען אַ ווינט
פאַרבלייבט ער אוודאי פאַרשפאַרט
אין ווינקל פון דעם לאַבירינט...

***

פון איין אויבערקעלער, דער דיל
איז, אַן אונטערקעלער-סופיט,

די געסעלעך טרעפּלען זיך מיט
זיי קײַקלען זיך ווי אויף אַ שפּאַס.

***

אין אַ געסעלינקע פון צפת —
פון אויבן עס בלאַנקעט דער בליק
אַרונטער ווי אונטער אַ בריק,
דערזעט מען אין טאָליקל באַלד
ווי ס׳וואָלט געטאָן פּלוצים אַ פאַל
פון אויבן אַראָפּ גאַנצערהייט,
— מיט אַלץ און מיט אַלעמען גרייט.

אַ געסעלע אין אַ קאַנאַל...
נאָך שמעלער פון אַ טראָטואַר,
וואָס זעט אויס נאָך טיפער דערפאַר,
ווו טאָג נאָך טאָג, באַלד אינדערפרי
אַ ייִד — אויפן ווונק, נאָך זיך פירט
אַן אייזעלע קליינטשיק און דאַר.
די מיסטקלײַבער זײַנען זיי דאָרט.
זיי אַרבעטןביידע באַנאַנד:
דער ייִד, פאַרן אייזעלע שפּאַנט
מיט ברייטע הין-העריקע טריט
און ס׳וואַרפט זיך זײַן שפּיציקע באָרד
באַגלײַך מיט די טריט הין און הער —
דאָס אייזעלע לאַנגזאַם און שווער
טופּ-טופּקעט, ס׳האָט צײַט און געדולד,
עס טראָגט אויפן רוקן אַ זאַק
וואָס הייבט זיך — ביז ס׳ווערט איבערפולט.

ווי ברייט איז דער זאַק און ווי לאַנג!
פון אַלטקייט צעצויגן ווײַזט אויס?
דאָס קליינטשיקע אייזעלע קוים

מ׳זעט פון דער פלאַכטע אַרויס...
דאָס אייזעלע שפּרייזט נאָכן ייִד,
עס זעט, ווי דער ייִד שיט און שיט, —
קערט איבער אַ בלעך נאָך אַ בלעך:
אין זאַק טוט אַ כליאַפּע אַרײַן —
עס בלײַבט שטיין אינמיטן דעם ברוק
און אַלעמאָל קוקט עס און קוקט
ווי נײַגעריק: — „וואָס וועט דאָ זײַן?
עס ציט אויס די אויערן לאַנג,
אָט הערט עס אַ שאָרך, אָט אַ קלאַנג
אָט זעט עס, דער ייִד בייגט זיך אײַן
פֿאַר יעטוועדער טירל און טיר
און ווידער ער הייבט אויף דאָס מיסט
און אַלצדינג וואָס טויג שוין מער נישט:
אַ שנירל, פּאַפּירל פֿאַרשמוצט
וואָס ס׳וואַלגערט זיך אום אָן אַ נוץ
אין שופֿלע אַרײַן טוט אַ שאַר

ס׳טראָגט טאַקע דער ייִד, אָט דערפֿאַר
אַ בעזימל אויך אין אַ האַנט
אַ קער צו טאָן, דאָרט ווו מ׳דאַרף...
מיט שופֿלע און מיסטבלעך אַ שפּרײַז
צום אָפֿענעם זאַק און אַ שאָט
ווי אין אַ צעעפֿנטער קאָרב...

אויפֿן אייזעלע הייבט זיך — אַ האָרב.
ס׳וואַקסט איבערן רוקן און אויך
אויף די ביידע זײַטן פֿון בויך
צעשפּרייט זיך און הייבט זיך אַ באַרג...
דאָס אייזעלע טראַכט נישט דערפֿון
צי שאָטן קאָן עס צום געזונט?
צי איז עס פֿאַר דעם געניג שטאַרק?
די משאה שלעפּט ווײַטער — סײַ-ווי.

עס פליאַסקען אים איבער די קני
די שפּיציקע עקן פון זאַק
ס׳פאַרדעקט אים אינגאַנצן ביז, ביז —
עס דוכט זיך, עס רוקט זיך אַ פּאַק
וואָס הוידעט זיך אויף צוויי פּאָר פיס...

דאָס אייזעלע ווייסט שוין אַליין
ווען ס׳דאַרף ווידער אָנהייבן גיין
עס שרייַט ניט דער ייִד אויף אים: ניין!
און שלאָגט ניט —חלילה וחס!
ער ווערט גאָרנישט קיינמאָל אין כעס
און ס׳הערט נישט אַפילו אַ שטיין
אַ קרעכצל: „ווי׳ שווער איז די לאַסט!״...

אַזוי, יעדן טאָג אינדערפרי
פונסנײַ הייבט זיך אָן זייער מי.
פון אָט-אָ די צפתער, די צוויי —
דאָס געסעלע בלײַבט הינטער זיי
אויסגעקערט, ציכטיק און ריין
אַז ס׳איז דאָרט אַ נחת צו גיין!...

***

שטייען אויף ייִדן פון שלאָף
מ׳עפנט אַ קראָם נאָך אַ קראָם —
צעקלינגט אין דער לופט: „בוקר טוב!״.

***

שלום! בוקר טוב! און שלום!
באַגריסן זיך געסל און גאַס;
אַ פרישער פרימאָרגן הייבט אָן
צו טרעפּלען פון אונטן אַרויף
און —
פון אויבן אַראָפּ
איבער צפת...

אין נגב

אַ גרינינקער שטחל רײַבט זיך די אויגן,
עס האָט מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף:
— ווו בין איך דאָ ערגעץ ווײַזט אויס כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט
אַהער, צווישן ווילדע זאַמד־בערג, אָן אַ סוף?...

עס הייבט זיך אויף העכער, צעציט זיך די גלידער
וואָס לענגער עס קוקט אַרום — וווּנדערט זיך מער:
— ווער האָט עס געהאַט אַזאַ כוח און ווילן
זײַן זריעה פאַרזייען אין דער וויסטעניש, ווער?!

— אַ! שלום־עליכם! עוקאַליפּטוס גרין־וועלדל!
דו האָסט אויך פאַרבלאָנדזשעט? טאָ, גיב מיר אַ האַנט!
קום ברודערל מײַנער, און איינער לעם צווייטן
פאָרוים און פאָרוים — לאָמיר שפּרײַזן באַנאַנד!!!

אַ גרין בערגלבײַט

(אויפֿן וועג קיין אילת)

עס האָט טיף אין מדבר אַ שפּראָציקע בייט
זיך צווישן די בערג ווי אַ צינגל פֿאַרדרייט;
עס וואַקסט און עס בלעטלט און פּרעפּלט פֿון פֿרייד —

— גלאָצן די גרויע גולמים — מע שטייט
זיך איבערן זאַמדיקן באָדן צעשפּרייט
פֿון אור־אַלטע צײַטן פֿון קליינערהייט —

מיט זאַמדיקע שטעך צווישן זיך צוגענייט
זיי ציִען זיך לענג אויס די בערג אין אַ קייט,
עס לויפֿט אין דער לענג אויך — דער וועג וואָס צעשיידט.

אַזוי ווי דאָס גאַנצע לאַנד — נישט אין דער ברייט;
עס שטייען די בערג שטענדיק שפּילן זיך גרייט —
און ווי נאָר דער ווינט טוט אַ בלאָז זײַן טראָמפּייט

נעמען זיך אָן באַלד די בערג זאַלבעצווייט,
די פֿאָלעס אַ הייב — אין דער לופֿטן מע גייט:
מ'שיט זיך מיט זאַמד, — אויף די רוקנס, מע זייט

און דער פֿײַערווינט אויפֿן פֿרייליכסטן פֿלייט
מיט לאַנגע צעצויגענע טענער באַגלייט
דאָס מדבר געמורמל — אין וויכערס צעווייט —

איז, גלאָצן זיי טאַקע, די בערג: — ווער פֿאַרשטייט
אַזעלכע האָק־האָציקע שפּראָציקע רייד
פֿון עפּעס אַ מאָדנער מין גרין בערגלבײַט?...

עמודי שלמה

(אויפן וועג קיין אילת)

— דאָרט אין מדבר מיט, ווו די זון בראָט און בריט,
געווען איז אַ פּאַלאַץ פון רויטן גראַניט.
די פעלדזן, פון טויזנטער יאָרן צעקאַרבט, —
עד־היום, זיי גלי‌ען נאָך פון פייער־פאַרב...

עס שטייען נאָך שטאַפּלען, קאָלומנעס פאַרשפּיצט —
ווער ווייס וויפל מײַסטערס עס האָבן געשניצט,
— מיט וויפל מכשירים געטאָקט און געפּיילט
דורך לאַנגע מעת־לעתן — אַ זייל נאָך אַ זייל?...

באָר, ווו איז דער גינגאָלד־געוועלבטער דאַך?
געווען אויך מסתם אײדלשטיינער אַ סך?
צי האָט זיי די זון, וואָס פאַרשווענדט בלענדיק ליכט
אויף אירע שטראַלפינגער פאַראייגנט, פאַר זיך?

מ'זעט נאָך די הירשן גראַווירט אויף די ווענט,
סימבאָלן פון שבטים און וואָס מ'וויל זען —
פון טויבן ביז לייבן — אין אייביקן שטיין
וועלן זייערע קאָנטורן — קיינמאָל נישט פאַרגיין!...

די מדבר־זון פלאַמט און דאָס זאַמד ווייט און דרייט
אַרום און אַרום, פאַרן פּאַלאַץ נאָר שטייט

אַ שאָטן צעשפּרייט פאַרן פּראָנט ווי אַ צאַם;
אַ שומר וואָס קילט־אָפּ אַ שטח פון פלאַם...

דאָ, שפּאַרט מען זיך אָן און דאָ זעצט מען זיך צו,
אויף פעלדזנטרעפּ נעמט אויף פּאַרצייַטיקע רו,
פאַרטראָגט די מחשבות צום עבר ווײַט, ווען
פּאַלאַצן געבויט האָט אַ קעניג וואָס שם'ט.

זײַן זאָג שײַנט דורך דורות — פון אמת דער גלאַנץ.
אַ מינע פון יושר און חכמה — זײַן האַרץ
זאָל זײַן ס'איז אַ זכר פון זײַן מלכות־מאַכט
פון שלמה המלך — אין זײַן פולער פּראַכט?...

נאָר אַלץ שווײַגט פאַרשטיינערט אין שטויבן פאַרהילט,
אַ באַרג קופּערוועגט שטייט אין פלאַמען — פאַרשטילט,
פאַרשאָטענע היילן דערציילן אָן אַ קול:
— „געווען אַ רויט שטיינערנער פּאַלאַץ — אַמאָל”...

אין אַ פאַרנאַכט

עס האָבן זיך אין אַ פאַרנאַכט, אין ישראל
די זון, דער לבנה דערזען מיטאַמאָל:
— „אַ־אַ! דאָס ביסטו?... און דו — טאַקע דו?...
פאַרחידושטע בליקן אַרויף באַרג און טאָל —

לבנה — פון מזרח, די זון שוין אין מערב
דערפריידטע זיי שטרעקן אויס שטראַליקע הענט,
פאַרפלעכטן זיך איבערן הימל דעם גאַנצן
און ביידע מאורות — זיי ווערן באַקענט.

דערזעט די לבנה, דערזעט אויך די זון, אַז:
דער הימל געראַם איז — גערוימיק גרויס:
— „ווי לעבט זיך אין טאָגלאַנד? און דיר אין דײַן נאַכטלאַנד?
באַלד איינע די אַנדערע פרעגן זיך אויס.

לבנה שטײַגט העכער, די זון נידערט טיפער:
— „איך — אײַל זיך אַראָפּ־צו! דער אָוונט קומט אָן!
להתראות שוועסטער! די נאַכט — איז דײַן מלכות!"...
און ס'גליט אויף איר פורפור־קוש פון האָריזאָנט —

**
*

— זינט מעשה בראשית!... עס שטוינען שיפועים
בערג־שפּיצן און טאָלן — דאָס גאַנצע באַשאַף
פון בורא, בני־אָדם — מיט פורפור אין אויגן
צום פּלאַי־פּלאַים פון הימל — פאַרגאַפט...

הר הכרמל

צווישן אַלע בערג אַזוינע
איז נישטאָ צומאָל נאָך איינער
אויסגעצירט נ׳אַזויפיל פראַכט
ווי הר כרמל אויפדערנאַכט.

קוקן הימל-אויגן גרינע
אויפן באַרג אַראָפּ מיט קנאה:
— לאָמפּן, לעמפּעלעך אָן אַ שיעור
און — זיי לײַכטן מער ווי מיר!...

נישט זיי דאַרפן זיך וועז שרעקן
וואָלקן זאָל זיי נישט פאַרדעקן,
אין דער נידער האַלטן וואַך;
שטערענען זיך נאַכט נאָך נאַכט.

שפּיגלען זיך אין וואַסער-קאַרבן,
פינקלען אויף אין אַלע פאַרבן
פון הר הכרמל אויבן-אָן
ביזן ברעג פון ים-תיכון.

בליצן ווי די איידלשטיינער,
פון דער שענסטער קרוין פון קרוינען
פלייצט דאָס ליכט אַראָפּ און שטראָמט
אויפן גאַנצן האָריזאָנט...

ווי באַוויַיזן זיי דאָס ווונדער?
ערשט נישט לאַנג זיי אָנגעצונדן
האָבן הענט פון בני-אָדם
און מיר — פון בראשית אָן —

מיט דעם וועלט-באַשאַף דעם גאַנצן!
און נאָך מער ווי מיר — זיי גלאַנצן.
אויב זיי לייַכטן אַזוי שטאַרק —
איז דער הימל — אויפן באַרג!..

כנרת שלי

עס וויגט זיך כנרת
אין בלויע האַמאַקן,
בלווישײַן אין די אויגן
בלויטוי אויף די באַקן
און אַלץ אַרום איר
איז איין צויבער־שיר
איין בלוי זמר־בלי:
— כנרת! כנרת! כנרת שלי!

עס שטייען די בערג אַרום
שטיל אויסגעצויגן,
זיי קוקן מיט ליבשאַפט
פאַרחלומטע אויגן.
און פון מאָרגן פרי
ביז שטערן פאַרגלי
זיי זינגען צו איר:
– כנרת! כנרת! כנרת שלי!

די בערג מיט די פידלען
און בויגנס פאַרשניצטע,
די סטרונעס, — די קאַרבן
אין שטיין אײַנגעקריצטע —
זיי שטייען דאָ הי
פון ערשטן „ויהי"
און שפילן צו איר:
— כנרת! כנרת! כנרת שלי!

וויברירן די טענער
אַרום אינדערלופטן,
אויף פּאַלמען און בלומען
אויף ביימער מיט פרוכטן.
אין פרייד פון קציר,
די ברכה פון מי:
— „ברוך בורא פרי!"
כנרת! כנרת! כנרת שלי!

די בלויע בת-מלכה
פון דרימל דערוועקן,
עס שורשען פון שלייער
בלוי טיולענע עקן.
דער ווינט טוט אַ פלי —
זײַן אָטעם אַ ברי:
— גוטמאָרגן, פרינצעסן!
כנרת! כנרת! כנרת שלי!

דער ווינט לויפט פאָרויס
און ער זאָגט אָן די בשורה,
מיט פײַפעלעך שפילט
צו דער בערגיקער שורה:
— אָט גייט זי! זי! זי!
אַ פאַל אויף די קני,
ער קושט איר בלוי זוים:
כנרת! כנרת! כנרת שלי!

אין בלויע פאַנטאָפל
אויף טעפיך צעגרינטן,
זי שוועבט איבער פעלדער
פילפאַרביק צעשפּינטע.

אַ באַרג טוט אַ צי
זײַן הוט: „מודה אני!“
אַ ליכטיקן טאָג דיר!
כנרת! כנרת! כנרת שלי!

די בערג אין איר שלייער
דאָס פּנים פאַרהילן,
און בלויע ניגונים
פון בענקשאַפט צעשפּילן.
פאַרבלויטע אַרומען:
— טרי-לי-לי-לי-לי!
גליל! גלי-לי!
כנרת! כנרת! כנרת שלי!

כנרת שלי

מוזיק: לעאָן ווײַנער



אַ וועג

עס לויפֿט אונדזער אויטאָבוס שנעלער פֿאַרנאַכט,
אונדז קוקן נאָך ביימער, פֿאַרשטילט און פֿאַרטראַכט:
— „וווּהין, איַילט זיך נאָך די מאַשין? לויפֿט און יאָגט?
און ווּ איז אַנטלאָפֿן דער הײַנטיקער טאָג,
צום גרייטן געלעגער אויף באַרג און אין טאָל?...

עס שורהן זיך מיט „ברושים" הויך און שמאָל,
בײַם זײַט וועג, ווי גרינע צעפּלעמלטע ליכט,
און דעכעלעך רויט אויפֿן פֿעלד טוליען זיך
אַלץ נענטער און נענטער און אַלע צעזאַם, —
זיי הילן זיך אײַן אין פֿאַרגייִיקן פֿלאַם...

די זון פֿאָרט מיט אונדז — פֿון שויב צו שויב
זי טוט ווי אַ רויטרונדער באָל זיך אַ הייב
געזעגנט זיך גיך, טוט אַ גלעט און אַ גלי:
—אַ גוטינקע נאַכט, דיר! ביז מאָרגן אינדערפֿרי!...

און שטיבעלעך ווײַסע, הויך איבער אַ טאָל,
פֿאַרוויקלען זיך אין זייער אייגענעם וואָל:
— אָ, שלאָפֿן! שנעל שלאָפֿן! מיר זײַנען שוין מיד,
מיר טראָגן אויף זיך אויס די זוניקע טריט
די קילנאַכט איז קורץ! דער ברענטאָג איז לאַנג!...

די פֿייגעלעך וואַרטן ביז נאָך זון־פֿאַרגאַנג:
— אַ פֿולן טאָג שטראַלן האָט זי זיי געבראַכט:

באַגלייטן זיי איר ביזן ראַנד פון דער נאַכט
מיט שירה פון דאַנקשאַפט: — ציף־ציף! אונדזער זון!...

— — — אַ גוטן אָוונט, דעם גאַנצן אַרום!!!
באַגריסן מיט בליציקער ליכט מיטאַמאָל
די לויפיקע לאָמפּן אויף באַרג און אין טאָל.

די אויטאָמאָבילן אַהין און צוריק
זיי לויפן און ליכטיקן אויס אַ ליכטבריק
אַריבער דער חשכות — פון ברעג ביז ברעג:
— ווו איז נאָך פאַראַן אַזאַ לוסטיקער וועג?

אָט רוישט ער אַרויף און אָט באַרג־אַראָפּ גלײַך
און אָט־אָ אַ דריי זיך — ס'אַ קונדס אַ טײַך!
פון אויטאָס און אויטאָבוסן הויך און ברייט, —
עס כוואַליעט אַרוים אַ פאַרפלייצונג פון פרייד...

עס גלאַנצן מעטאַל־צייכנס פונקט אינדערמיט
אויפן גלאַטן אַספאַלט — ווי פון גאָלד אויסגעגליט;
צעהאַלבן די וועגן ווי אויף אָרעמס צוויי
און נאָך פון דערווײַטנס שוין וואָרענען זיי:
— „ס'מוז יעדער נהג באַלד דערזען אונדזער ריי!
העי! העי! דו זײַ פאָרזיכטיק מיט יעדן דריי!"...

אויף רונדיקסטע אויסבייגן היטן זיי אויס,
עס זאָל קיין מאַשין פון איר גבול נישט אַרויס
נישט אָנשטויסן זיך אויף אַ פעלדזיקער טרעפּ.
די לאָמפּן צעשנײַדן שוואַרץ־נאַכטיק געוועב
מיט גילדערנע שערן, אַהער און אַהין;
עס שווימען בסדר מאַשין נאָך מאַשין,
און עס שימערט דער וועג: — „ווי געטרײַ כ'ווער געפלעגט!
ווי גוט איז צו זײַן אין ישראל — אַ וועג!"...

אַ טוריסט אין מדינת־ישראל...

מדינת־ישראל:
איך קום מיטן חלום פון דורות צו דיר
און כל המכשירים, מאַל־פּענדזלען אָן אַ שיעור
אויף מײַנע צעעפנטע בלעטער זיי מאָלן —

עס מאָלן אַרײַן זיך אין מיר תבואה־טאָלן
און ווײַסע וויסטע שיפּועים און שפּיצן
פון שאַרפע פילפאַרמיקע פעלדזן פאַרקריצן
אור־אור־אַלט בערג מיט נאַקעטע שאַרבנס
און שפּראָציקע בערד פון אַלערליי פאַרבן.

דער מדבר־ווינט שרײַבט מיט זײַן היציקער האַנט,
די כוואַליעס פון נגב מיט שפּריציקן זאַמד,
די וואַדיס מיט גרינס, מיט ברכה גליל,
כנרת — אין מיט פון קאָליריקער שפּיל —
פון בלייִקע פעלדער — דער בלויסטער בריליאַנט
וואָס בלויט אין מײַן בלוט אַרײַן — ס'בלוי פון מײַן לאַנד...

דײַן יעדער שפּאַן ערד — וויל מיך מקבל זײַן —
ווערט יעדער מעת־לעת מיר אַ קרוג פול מיט ווײַן
אַ רגע — אַ כוס, וואָס טאָג־אויס און טאָג־אײַן
חיים דורשטיק איך גיס אין מײַן הארצן אַרײַן...

די שוימיקע בעכער שעפ איך — אומעטום,
— די וואָר שוימט איבער דעם טרוים — ווו איך קום;

דריי איך זיך פאַרשיכורט אַרום טעג נאָך טעג,
איך זופ מיט התלהבות און ציטער פון שרעק
ווען איך קוק אַראָפּ צו מײַן ליידיקן דעק;
ווען איך וועל
ישׂראל,
פאַרלאָזן
דײַן ברעג...

עם ישראל חי!

יזכור: נאָך אונדזער מיליאָן קינדער־קרבנות פון נאַציזם.

די קינדערלעך אונדזערע — פון יענער זײַט — — —
כ׳זע זייערע גלידער
באַהעפטן זיך ווידער
און פון תפיסה־אומקום — זיי ווערן באַפרײַט!...

זיי שטעלן זיך אַנידער — אַ זײַט צו אַ זײַט —
געשלאָסן אין רייען
ווי שומרים זיי שטייען
צעשפרייט איבער וועגן, אויף מײַלן־ווײַט...

עס זעט אויס, זיי שורהן זיך גאָר אָן אַ סוף —
דאָרט, איבער די שליאַכן
די ווײַסע וואָס וואַכן
אַז קיינער זאָל מער נישט אַנטרינען פון שטראָף...

אַפילו די עופעלעך ווייגען נישט מער —
צעעפנט די אויגן —
די מײַלער צעצויגן
זיי שטייען פאַרטראַכטע — אינגאַנצן געהער — — —

די קינדערלעך אונדזערע — פון יענער זײַט
זיי וואָלטן מסתמא
שוין זײַן טאַטע־מאַמע
מיט קינדערלעך וויפל — ווי ס׳פירט זיך בײַ לײַט...

נאָר זיי — שטייען דאָרט אויפן אָרט, זינט יענעם טאָג —
ס׳ווילן נישט דעם נאָמען
די ליפּן דערמאָנען —
ביז — ס׳טוט אַ הילך אוים פון גערעכטיקייט דער גלאָק:

— „ימח שמו וזכרו״!... — און אַ פּאָר מיליאָן הענט —
פונעם פּסק־דין דערפרייידטע
אַלץ ברייטער צעשפּרייטער
זיי פלעכטן זיך, הייבן זיך איבער אַל־ווענט...

— „מיר זיינען נישט הפקר מער! יונג און באַנייט
אַ גואל הדמים
ז׳ביי אונדז אויפגעשטאַנען״!...
און ס׳טאַנצן — די קינדערלעך פון יענער זייט —

אַרום כסא הכבוד, מיט אַ פליעסקעריי,
זיי דרייען זיך — שוועבן
אין אייביקן לעבן:
— „הידד, ירושלים!... עם ישראל חי!!!״.

עמי־חי

א מתנה פאַר עמי־חי, — דאָס אייניקל
פון עטל און יהושע באַגאָפּאָלסקי

— קינדערלעך: ס'אַ גוטע בשורה!
דאָס צו הערן איז כדאי!
ס'האָט דעם ערשטן פּריז געוואונען
— פּריז פון שיינקייט — עמי-חי!

צברע פון ירושלים,
וואַקסט ער פריילעך, פעסט און פריי,
לאַכט זײַן פּנים: ס'אַ מחיה!
יאָ, דאָס בין איך — עמי-חי!

ס'איז אַ בחור, אָן עין-הרע,
ס'ווערט אים באַלד שוין יאָרן דרײַ
און מיט ווערטער קלוגע, קלאָרע,
רעדט צו יעדן עמי-חי.

שטראַלנשפּריץ פון זיינע אויגן!
און דעם זיסטן דבש דערביי;
ווער עס זעט אים — צוגעצויגן
ווערט צום פּלא: עמי-חי!

— — — — — — — — — — — — —

זאָל ער וויסן און געניסן!
מיט אַ הילכיק פליעסקערײַ
לאָמיר אַלע אים באַגריסן:
— הידד! עמי, עמי-חי!

אַמאָל און הײַנט...

— 1 —

אַמאָל — זײַנען אין אַ פּאָסטקעסטל געלעגן אַ בינטל בריוו, די אַדרעסן אויף די קאָנווערטן, אַלע מיט דעם זעלבן לאַטײַנישן שריפט און אַלע ווײַלע איז צו זיי אַרײַנגעשפּרונגען נאָך אַ בריוו און נאָך אַ בריוו און נאָך און נאָך.

האָבן זיי דאָרט, פאַרן נײַעם חבר באַלד געמאַכט אַ פרײַ אָרט, זיך צוגערוקט צו אים און נענטער זיך באַקאַנט, זיך אויסדערציילט אײנער פאַרן אַנדערן, אין וואָס פאַר אַ לאַנד, וווהין מען פאָרט, צי מען פליט און אין וועלכן קאָנטינענט, איבער וואָסער ים, און אַזוי זיך געשמועסט וועגן דאָס און יענץ — אין דער וועלט אַרײַן סתם.

מיטאַמאָל איז אין פּאָסטקעסטל געטאָן אַ פאַל אַרײַן אַ בריוו מיט אותיות גאָר אומבאַקאַנט — ס'אַראַ מאָדנע שריפט! דאָס איז אויך אַ בריוו? האָבן זיך אַלע קאָנווערטן אַ לאָז־געטאָן צו אים און יעדערנס ליפּ האָט זיך געטאָן אַ פאַרקרים און ס'איז געוואָרן אַ גערודער, אַ געלעכטער, אַ געשריי און אַ ווילדע שטופעניש צווישן זיי און יעדער אײנער האָט דעם „מאָדנעם" קאָנווערט פאַר אַ שפּיץ געטאָן אַ שטויס און אַ דריי:

— הערי! דו! הערי! רוק זיך נאָר אַ ביסל אָפּ! ווײַטער! אַהינ־צו! טיפער! אַראָפּצו־אַראָפּ...

— הום —האָט געטאָן אַ ברום אַ לאַנג־אויסגעצויגענער ענגלי־שער אַדרעס, מיט אַ ליולקע אין מויל:

— אָ, יעס! יעס! וועל! — וויל? אַ משונהדיקער מין איז עס!

— יעס! נישט איך פאַרשטיי איין וואָרט פון דעם־אָ אַדרעס — יעס!

און אַ קאָנוועדט, אַ פּראָנצוויז, מיט אַ בריל אויף איין אויג, האָט זיך איבער אים געגעבן אַ בייג:

אוי! „אוי!" איך פאַרשטיי נישט סיי־ווי?!

און אַ קאָנווערט אויף פּאָרטוגעז האָט געקוקט און געפּרוּווט איבערלייענען דעם אַדרעס און פּאַר גרויס חידוש — געטאָן אַ הייב אַן אַקסל־שפּיץ — און אַ בלאָנדער מיט שטייפע שטעכלהאָר, מיט שנאה־אויגן אַ בליק, און מיט די שאַרפע ציינער אויף אים — אַ קריץ...

נאָר איין קאָנווערט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ זייט, שטיל און פאַרקלערט — אַ גוטער שכן־פרײַנט ווײַזט אויס, — האָט זיך אַרײַנגעמישט און דעם בייזן שוים פון אַלע מײַלער געטאָן אַ וויש:

— געווג שוין זיך צו קריגן! לאָמיר בעסער ווערן באַקאַנט!

— און ר'האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַלע פינגער פון זײַן האַנט.

— איך בין דער און דער!...

— און דו ביסט ווער?...

— דו זאָג אונדז אָקאָרשט וווהין דו פאָרסט, צי דו פליסט און אין וואָסער לאַנד?

— יאָ, יאָ! זאָג, זאָג! וווהין און פון וואַנען?! — זײַנען ווי־דער אַלע צו אים צוגעשטאַנען, אויף אים אַרויפגעפאַלן און גע־דריקט און געשטיקט:

— יאָ, זאָג! זאָג, זאָג! — האָבן אַלע מיטאַמאָל גענומען ליאַ־רעמען און שרײַען אויף אַ קול:

— נו, וואָס שווײַגסטו? זאָג שוין, זאָג! — און זיי נעמען אים דרייען, שטויסן אַהין און וואַרפן אים אַהער — און אין מיטן דריי־נען אַזאַ מהומה ווערט אַרום דעם בלייך געוואָרענעם קאָנווערט:

— כיי־כיי־כי! כע־כע־כע! און כאָ־כאָ־כאָ! זעט נאָר ועמען מיר האָבן דאָ! זײַנע אותיות לייענט מען דאָך פאַרקערט!

— כאָ־כאָ־כאָ! אינגאַנצן פאַרקערט! איר האָט שוין אַזוינס געהערט? ער! אַט־אָ־דער קאָנווערט, פאָרט דאָך אין־אין־אין:

— ס'איינציקע וואָרט וואָס האָט אַ זינען:

— פאַלעסטינע!

— כי־כע־כאָ! אוי, איך חלש, איך פּלאַץ!...

— דו! — טוט אים אַ כאַפּ־אָן אַ קריפּל־קאָנוועט פאַר אַ לאַץ, — דו! זאָג אונדז נאָר, צי שטייט ערגעץ ווו דײַן הערב אויבן אָן? און אויך וועלכן מאַסט עם פלאַטערט דײַן פאָן? כאַ־כאַ!...

און אַלע אינאיינעם האָבן זיך מיט גאווה פון אים באַלד אָפּ־געקערט און דער „מאָדנער" קאָנווערט איז געלעגן אין אַ ווינקעלע פאַרשטופּט און געהערט, ווי יעדער איינער פון זיי האַלט זיך אין איין באַרימען:

— פון מיר קען שוין קיינער נישט רײַכער ווערן! מײַן פאָן איז באַצירט מיט צענדליקער שטערן!...

— און מײַנע — צוויי קרײַצן באַצירן!

— און מײַנע — אַזויפיל שטרײַפן, קאָלירן!

— און מײַנע! — און מײַנע!...

— אוי! ווי גוט מיר איז! — הוידעט זיך אַ פראַנצויזישע קאָנ־ווערט — איך פלי קיין פאַריז! פאַריז!...

— אָ, יעס, יעס! — גרויסט זיך אַן ענגליש־אַדרעס. — „איך אין לאָנדאָן!", „איך נאָך ניו־יאָרק!".

— ווי גוט איז דאָרט! דאָרט! און דער איטאַליענער, דער שפּאַניאָל און דער גריך...

— נאָר איך, בלויז איך — רעדט „אונדזער" קאָנווערט צו זיך — מיט מײַנע אותיות, מיט מײַן שפּראַך, בין אייננקער אַליין — צווישן אַ סך, גאָר־גאָר אַ סך!... אַזוי אומעטיק, דערשלאָגן און פאַרשעמט, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט, ערגעץ ווו אין דער פרעמד.

האָט דער עלנטער קאָנווערט שטומערהייט זיך צעוויינט:

— אומעטום בין איך אַליין!

אָ ן אַ ה י י ם!...

ה ײַ נ ט :

אין דעם זעלבן פאָסטקעסטל איז אַרײַנגעשפּרונגען אַ בריוו מיט דעם זעלבן אַדרעס ווי אַמאָל: קיין תל־אביב, נאָר אונטן, אין לאַטײַנישן שריפט: א י ז ר א ע ל!

— אָ! ברוך הבא! ברוך הבא! גוט וואָס דו ביסט דאָ!!!

— האָבן אים אַלע בריוו אויפגענומען מיט אַ פרייד־געשריי און באַלד האָבן זיי, אין אַ גלײַכער ריי, בריוואַרטיק — זיך אויסגע־שטעלט — און יעדער קאָנווערט, האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט אַזוי איידל און פײַן, אַזוי פרײַנטלעך און זיס:

— איך בין דער און דער און דו ביסט עס געווים, דער נײַער פרײַער אַדרעס פון מדינת „איזראַעל"?

— אָ! עס קלינגט דאָך אַזוי אָריגינעל! ווי אינטערעסאַנט! און יעדער איינער, שטרעקט אויס צו אים אַ וואַרעמע האַנט:

— דו ביסט בײַ אונדז אַן אָנגעלייגטער גאַסט!

— הער קאָנווערט! פרײַנט קאָנווערט! חבר קאָנווערט!

— מיר האָבן פון דיר אַזויפיל לויב און גוטס געהערט!...

— ווי שיין זײַנען דײַנע אותיות! דערנענטער זיך מער!... און יעדער פון זיי, האָט זיך צו אים צוגערוקט, מיט התפעלות גע־קוקט און באַקוקט און געפרעגט:

— וואָס באַדײַט דאָס פיטעלע, בײַ דעם־אָ ברעג?

— דאָס פינטעלע אין דער מיט? דאָס פּאַסיקל אויבן אָן? און ווי אַזוי אונטערשיידן מען קאָן וואָס איז וואָס? און יענץ — און דאָס?...

— לערן מיר אויס אַ שורהלע! כאָטש איין אות! און זיי גלעטן אים און בעטן אים — און רינגלען אים מיט שאלות אַרום.

— איז עס אמת, אַז אַט די אותיות נוצט מען שוין אומעטום, דאָרטן, דאָרטן אין דײַן לאַנד? מ'שרײַבט מיט זיי נאָכאַנאַנד! מ'זעט זיי אַפילו אויף די זײַלן און ווענט אויבנאָן, ביזן העכסטן שטאָק?

— איז עס טאַקע אמת? דערציייל אונדז, זאָג, זאָג!...

און דער בריוו קיין תל־אביב שטייט צווישן אַלעמען אינדער־מיט. די גלאַנציקע אויגן, פון שטאָלץ און פון נחת צעגליט, און ער ענטפערט זיי מיט אַ פעסטן און אַ פרײַנטלעכן טאָן, אַזוי ווי עס פּאַסט:

— איך פאַרבעט אײַך אַלעמען צוגאַסט, צו אונדז אַהיים, איר זאָלט דאָס אַלצדינג אַליין מיט אײַערע אייגענע אויגן דערזען!...

און דעם מאָמענט האָט אַ האַנט דעם שלאָס פון דעם קעסטל

געטאָן אַ ריר און דער בריוו מיט אונדזער שריפט האָט זיך געטאָן אַ צי צו דער אָפענער טיר:

— איך וואַרט אויף אײַך אין מײַן לאַנד, אין מײַן שטאָט. שלום, מײַנע פרײַנט, להתראות! להתראות!

און אַלע קאָנווערטן האָבן געפּאָכעט מיט זייערע הענט. זיי האָבן זיך געזעגנט און יעדער איינער אויף זײַן אַקצענט אַרויסגעזונגען האָט:

— „לע־היט־ראַ־אָט!" להתראות!

יום־העצמאות אין מדינת־ישראל

שבת פאַרן יום־העצמאות איז מען מזכיר נשמות די אומגע־קומענע אין דער מלחמת השחרור. אין יעדער שיל די קינדער פון דער געגנט.

באַלד אין פריִען פרימאָרגן פילט זיך אָן די שיל מיט מתפללים. עס קומען אָן נאָכאַנאַנד מענער און פרויען. זיי גייען אַדורך נעבן דער ערשטער ריי בענקלעך מיט ווייכע טריט און יראת־הכבוד און זיי זעצן זיך אויס אויף די הינטערשטע פלעצער.

די ערשטע ריי איז בלויז פאַר זיי: פאַר די עלטערן פון די געפאַלענע גיבורים — און זיי שלײַכן זיך אַרײַן שטילערהייט און זעצן זיך אויס אויבן־אָן.

זיי —די אָבות פון טרויער...

עס טראָגט זיך איבער דער שיל אַ שטיל געפליסטער. דער עולם שמועסט צווישן זיך בלחש, מיט רמזים און טיפע זיפצן: איינער דערמאָנט דעם אַנדערן די מעלות טובות פון דעמס און יענעמס געפאַלענע זין, זייערע מעשי־גבורה...

אויף אַ טאָוול בײַם אַרײַנגאַנג פון דער שיל זײַנען אויסגע־קריצט די נעמען פון די העלדישע זין און טעכטער. נעבן יעדן נאָמען ברענט אַ רויט ליכט — אַן עלעקטריע־לעמפל — ווי דער נר־תמיד אין טאַטע־מאַמעס האַרץ...

שוין! די גאַנצע לאַנגע ערשטע ריי איז שוין פול און אין דער שיל מיט די עטלעכע הונדערט מתפללים ווערט אַזוי שטיל ווי אין אַ טיף אונטערערדישער הייל. דער חזן הייבט אָן:

„יזכור!"...

אַזוי דין און שפּיציק ווי אַ ריזיק לאַנג־לאַנגע נאָדל שטעכט דורך אַלעמענס הערצער מיטאַמאָל...

„אל מלא רחמים"!...

עס ווערט העכער, שטאַרקער און שנײַדנדיקער דעם חזנס קול, די נאָדל ווערט אַ ברייטע, אַ לאַנגע, אַן אָן־סופיקע, פאַרבלו־טיקטע שפּיז, אויף וועלכער עס הענגען און צאַפּלען זיך געוועזענע טאַטעס און מאַמעס אָן אַ צאָל...

פון חזנס מויל טוט זיך אַ קײַקל אַרויס אַ נאָמען —

אַ מאַמע טוט זיך אַ ריס פון אָרט און זי דרייט זיך צונויף אין אַ שלוכצנדיקן קנויל — — —

נאָך אַ נאָמען —

און נאָך אַ מאַמע בלײַבט שטיין אײַנגעפרוירן, מיט אַ צע־עפנטן מויל, די ליפּן שוואַרץ — אַן אויסגעלאָשענע קויל...

נאָך אַ נאָמען —

אַ טאַטע טוט אַ לייג אַרויף אַ האַנט אויף זיין פּנים. ער דריקט עס צונויף מיט אַלע זײַנע כוחות. ער ציטערט אינגאַנצן, נאָר פון זײַנע פאַרשטשימעטע ציין רײַסט זיך אַרויס איין און איינציק וואָרט:

— ניין! ניין!...

דעם חזנס תפילה־קול שוועבט מיט אהבה און תחנונים אי־בערן חלל פון שיל און צערטלט און גלעט יעדנס וווּנד און שניט, וויקלט אַרום מיט ווייכע באַנדאַזשן יעדנס געמיט און מיט טרייסטנ־דיקע זאַלבן באַשמירט און מיט רחמים באַשיט...

פרויען און מענער, קרובים, שכנים און גוטע פרײַנד פון די פאַראבלטע עלטערן ראַנגלען זיך אומזיסט מיט זיך אַליין צו פאַר־לעשן די שריפה פון געוויין און עס פלייצן די הייסע שטראָמען פון אַ שיפּענדיקן פײַער־רעגן אַראָפּ אויף די אָפענע בלעטער פון די פינצטערע יאָמער־שורות...

און פון די פאַרטרערטע אותיות פונעם קדיש לײַכטן אויף און עס שפּרינגען אַרויס אַנטקעגן יעדן איינעם פון דער עדה מתפּללים — די פולזוניק צעשמייכלטע פּנימער פון די צבֿרעס, מיט די יונגע

חײַסע ציין און שטאָלץ צעפינקלטע אויגן — זיי שנײַדן זיך אין דער טרויער־ראַם אַרײַן:

— מיר זײַנען דאָ! דאָ! און מיר װעלן אײביק זײַן!...

יום הזכרון און ערב יום־טוב

— חג שמח!

דער גרינס־פאַרקויפער מיט זײַן פערדל און פול אָנגעלאָדע־נעם װאָגן מיט גרינסן און פירות באַגריסט מיך דער ערשטער אויפן װעג קיין תל־אביב, אין ערב יום־טוב־פרימאָרגן מיט אַ נחתדיקן:

— חג שמח!...

אין דער ברוינער גזשיבע פונעם פערדל, אין די האָלאָבליעס אַרום, שטעקן װײַס־בלויע פענדעלעך און עס װיגן זיך און גריסן זיך די ירקות און פירות, זאַפטיק צעשמייכלטע, מיט אַ מלא־טעמיקן:

— חג שמח!

פון יעדן אויטאָ, אויטאָבוס און שרות, פאָכען װייענדיקע פאָ־נען אַנטקעגן יעדן ייִד מיט אַ שמחה, אַ גדולה:

— חג שמח!

װאָס נענטער צום צענטער פון תל־אביב, אַלץ רוישיקער שטײַגט דער אימפעט פונעם ערב יום העצמאות.

מענער און פרויען, מיט צעשײַנטע פנימער שפּרײַזן אײַליק, מיט פריש אײַנגעקויפטע פּאַקעטן און גרויסע שמעקנדיקע בלומען בוקעטן.

קינדער שטייען אויף די ראָגן פון די הויפּט־גאַסן מיט פאָנע־לעך באַהאָנגען אויף די אָרעמס, אויף די אַקסלען און אַ גרויסע פאָן פלאַטערט הויך איבערן קאָפּ. און זיי הילכן אוים נאָכאַנאַנד מיט קלינגענדיקע קולבעלעך די פריילעכע בשורה:

— יום העצמאות! אַ פאָן! אַ פאָן! לכבוד יום העצמאות!

װי אַ הויז, אַ טיר, אַ באַלקאָן, — פלאַטערט אַ פאָן.

אַ סך הײַזער שטייען שוין אויסגעצירטע, װי אָנגעטאָן אין קרעלן־שנורן פאַרביקע קרענץ, און פון בלוי־װײַסן גאָלד, װעלכע

פלעכטן זיך איבער די טירן און פענצטער און קעגן דער זון שעד־מערירן זיי מיט בלערליי קאָלירן, ווי אָן אַ שיעור גלאַנציקע אויגן, — זיי ווינקען און גרוסן זיך נאָך פונדערווייטנס מיט אַ פאַרבלענ־דנדיקן:

— חג שמח!

דאָ און דאָרט, אויפן פראָנט פון אַ הויז, הענגען אויף אַ פּאָר־ביק־פּליושענס טאַפּעט די בילדער פון ד״ר זאב הערצל, ד״ר חיים ווייצמאַן, בן־צבי, דוד בן־גוריון, משה שרת און נאָך און נאָך פון אונדזערע מנהיגים...

און ס׳באַצירן אויך די פאַרשידן־פאַרביקע אָפּצייכענונגען פון אַלע אָפּטיילונגען פון צה״ל, ווי: חיל אויר (לופט־פלאָט), חיל הים, חיל השריון (טאַנקען), חיל התותחנים (קאַנאָנען), חיל הקשר (קאָמוניקאַציע), חיל הרפואה... א״אַנד׳ און איבער אַלעמען אַ מנורה און אַ מגן־דוד און אין דער מיט פופצן פאַרביקע לעמפּעלעך, וואָס ציילן די יאָרן פון אונדזער עצמאות און בענטשן זיך מיט יעדן פאַרבײַגייער און דורכפאָרער:

— חג שמח!

אויף די „שדרות ראָטשילד" אַנטקעגן דער „הבימה" שטייען הויכע מאַסטן, געדיכט איינער לעם אַנדערן, מיט גרויסע צעוויקלטע פאָנען — זײַנען זיי מקבל פּנים מנימוווײַז יעדן איינעם מיט ברייט־צעפלאַטערטער ליבשאַפט:

— חג שמח!

די קלענסטע קינדערלעך טראָגן אין זייערע הענטעלעך פאָנען, אַפילו די ליאַלקעלעך וואָס די מיידעלעך טראָגן אין די הענט האַלטן אין זייערע פויסטעלעך אַרײַנגעשטעקט קליינע פאָנעלעך.

פון רגע צו רגע ווערט רוישיקער אויף די גאַסן און פּלוצים — מיט איין מאָל:

—שאַ! דומיה!

ס׳איז פונקט 10 אַזייגער. אין אָט דעם יום־הזכרון און אין אָט דער רגע פאַלן צו אַלע פאַראָבלטע עלטערן, שוועסטער און ברוי־

דער איבערן גאַנצן לאַנד צו די קברים פון זייערע קינדער, ברידער און שוועסטער...

און אין מיטן געלויף בלײַבט אַלץ ווי פאַרגליווערט.

ווער עס גייט, בלײַבט שטיין אין מיטן גאַנג; ווער עס פאָרט — אינמיטן פאָר. אַפילו די זון בלײַבט אויפן זעלבן פונקט אין הימל... און עס דוכט זיך, אַז זי דערהערט איצט דעם רוף: „שמש בגבעון דום!"...

די האַסטיקע באַוועגונג אין סאַמע צענטער פון שטאָט, מיט אַלע אירע פאַרפלייצנדיקע שטראָמען פון פאַרקער, פאַרהאַלט דעם אָטעם.

דער נהג בלײַבט זיצן פאַרשטאַרט, איין האַנט אויפן ראָד פון אויטאָבוס; אויף דער צווייטער שפאַרט ער אָן זײַן קאָפּ — ווער ווייסט, וויפל נאָענטע און ליבע געשטאַלטן עס שפרינגען אַרויס פון זײַן זכרון און לויפן פאַרבײַ זײַנע פאַרמאַכטע אויגן, בעת אָט די פײַנפולע אויסגעצויגענע לאַנגע דרײַ מינוט פון דומיה...

***

פון 7.30 אָוונט ביז 8 איז דער איבערגאַנג מיגון לשמחה, פון טרויער צו פרייד. 8 אַזייגער רעדט דער ראש־הממשלה; 9 אַזייגער — ווערן אין אַלע שילן אָפּגעריכט דאַנק־תפילות און 10 אַזייגער הייבט זיך אָן דער יום־טוב פון יום־טובים, דער שבת־שבתון, — דער יום־העצמאות!

נאָכדעם, ווי אַ מכובד העיר שנײַדט איבער די לענטעס אין סאַמע צענטער פון תל־אביב, טוען זיך אַ לאָז די יוגנטלעכע פון אַלע פאַרטיי־ריכטונגען און ספּאָרט־גרופּעס. אויף קינסטלעריש־דעקאָרירטע אָפענע לאַסט־וועגענער און רײַען, רײַען פוסגייער, אוניפאָרמירטע, יעדע מחנה מיט איר לבוש און קאָליר און סימבאָל, מיט כלי־ערליי כלי־זמר, שפּילנדיק, זינגענדיק און טאַנצנדיק אונטער די קלאַנגען פון גרויסע אָרקעסטערס און דאָס געשאַל פון קאַנאָנען־שאָסן.

דער הימל קוקט אַראָפּ מיט מילי־מיליאָסן־מאָליקן ווונדער אין

זײַנע אויפגעבליצטע אויגן: ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אויף דער גאַנצער וועלט אַזאַ גרויסע, פול־גאַסיקע באַלויכטענע בינע...

מען גייט און מען מאַרשירט. מען זינגט און מען שפּרינגט און מען טאַנצט אומעטום אין די פאַרוואָרפנסטע געסלעך און הויפן — אַרום און אַרום.

נישטאָ מער קיין נאַכט. זי האָט זיך אַליין פאַרשעמט מיט איר חשכת אַנטקעגן אַזויפיל ליכט און — זי איז אַנטרונען. עס ברענען אַזויפיל לאָמפּן, אַז עס זעט אויס ווײַסער, ליכטיקער טאָג...

און אָט איז די גאַס דיזנגוף. אָ! דאָ זעט דאָך אויס ממש ווי אַ אָן אַ שיעור געכפּלטע חתונה מיט מיליאָנען מחותנים...

אוי טײַערן ראָג, אין דער הויך, אויף אַ באַלקאָן פון אַ הויז — שפּילט אַן אָרקעסטער. אויף די טראָטואַרן, אויף ביידע זײַטן פון דער גאַס, ווערט געדיכטער פון מינוט צו מינוט פון די גייענדיקע און שטייענדיקע בעלי־שמחה. דאָ און דאָרט, לעם יעדער קאַפּעטעריע, איז שוין געדיכט באַזעצט נישט דורכצושטופּן זיך! און אינמיטן גאַס מאַרשירן דורך, טאַנצנדיק, יונגע, שלאַנקע בחורים און בחור־רות. זיי פירן אויס פאַרשידענע ריטמישע טענץ און איינער מיטן אַנדערן איז דערבײַ באַהאַפטן און פאַרפלאָכטן מיט אַ ברייטער, בלויווײַסער לענטע, וואָס דרייט זיך און פלאַטערט גלײַך מיט זיי — טאַנצט מיט אין די פלאַקערדיקע ריקודים...

אַרום די יאַטן און נאָך זיי רעדלען זיך, אַ ראָד אין אַ ראָד אַרײַן, דער גאַנצער עולם אַרום, יונג און אַלט, קינד און קייט, מיט התלהבותדיקער פרייד און אַלערליי הויראַס. מען זינגט און מען שפּרינגט אונטער און מען פּליעסקעט צו דערבײַ מיט די ידים...

יונגע פּאָרלעך מיט די פּיצעלעך אויף די הענט און מיט די קינדער־װעגעלך אַפילו, דרייען זיך מיט אין טאַנץ איבער דער גאַנ־צער ברייט און לענג פון דער גאַס. און דער דיריזשאָר פון אָרקעס־טער, קעגנאיבער, פון באַלקאָן־בינע אַראָפּ זינגט אַרײַן אין הויך־רעדער. אַלע ווײַלע פונדאַסנײַ, חזרט ער איבער סטראָף נאָך סטראָף און ליד נאָך ליד און ער מונטערט נאָכאַנאַנד דעם יום־טובדיקן עולם אַרום:

— העי! לעבעדיקער! אַלע! העכער! זינגט און טאַנצט אַט אַזוי!

„אחד, שתים! קל רגלים!".

העי־העי! איינס און צוויי! הייבט די פיס!

און מען האָפּעט, שפּרינגט און שפּרונג — נישטאָ קיין אַלטע לײַט — אַלע זײַנען יונג!

אחד, שתים! קל רגלים!

אַזוי יובלט מען התלהבותדיק. און דער שטורעם פון פרייד האַלט אָן כמעט אַ גאַנצע נאַכט. ווען די עלטערע לײַט, וואָס האָבן קוים באַוויזן צו כאַפּן אַ דרימל, כאַפּן זיך אויף און לויפן אײַליק באַגינען כדי צו כאַפּן אַן אויטאָבוס, וואָס זאָל זיי פירן צום פּאַראַד פון יום־העצמאות אין חיפה (פּאַראַאָרן), הײַ־יאָר אין ירושלים — באַגעגענען זיי נאָך אויף די תל־אביבער גאַסן טאַנצנדיקע חברה און וויר־נישט־ווי אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, זינגענדיק אַרום אַ מדורה שירים לכבוד דעם יום־העצמאות.

איבער די גאַסן און וועגן וועלכע פירן צום פּאַראַד, דערזעט מען אַלע מאָל ווי אַ טריומף־טויער, אַ טראַנספּאַרענט וואָס גריסט אונדז האַרציק מיט אַ יום־טובדיקן: „ברוכים הבאים!".

די זון פאָרט מיט. איבערן גאַנצן וועג גליט זי אוים איין לאַנגן פלאַמיקן: חג שמח!... אויף יעדן וועג־אויסבייג שטייט אַ סאָלדאַט, וועלכער גריסט אונדז ברודערלעך און ער ווײַזט אָן ווי אַזוי צו פאָרן ווײַטער. עס מערן זיך די מאַשינען. מען פאָרט און מען גייט צו־פוס, איבערהויפּט יונגע בחורים און בחורות. און מען קומט אָן אויפן פּלאַץ פון פּאַראַד, זעצט מען זיך אַוועק בסדר, אַ דאַנק דער פּינקט־לעכער אָנווײַזונג פון אונדזערע אָרדענונגס־היטערינס, די חיל־נשים...

מ׳דערזעט דעם לאַנגן, עטלעכע־קילאָמעטערדיקן שטח, און פון ביידע זײַטן פונעם כביש, הייבן זיך מדרגות, בענק איבער בענק, באַזעצטע מיט הונדערטער טויזנטער היימלאַנד־דורשטיקע יידן און געסט פון די אומות־העולם, אין אַלערליי פאַרביקע טראַכטן און לבושים און עס האַלטן נאָך אין איין פליִיצן און שטראָמען כוואַ־ליעס מענטשן און מענטשן, פון אַלע אַרומען, נאָך און נאָך און נאָך.

אַלעמענס אויגן בליקן פאַרגאַפטע אַראָפּ צום כביש, אַלע חושים אין שפּאַנונג, אָט־אָט הייבט זיך אָן דער פּאַראַד!

אַ שאַל פון טרומפּייט — אָט פאָרן דורך אונדזערע ראשי־המלוכה.

און ווען עס הייבן אָן פאַרבײַמאַרשירן, פאָרן און פליִען אונ־דזער חיל מיט די אַלע פאָר־ און פלי־מאַשינען, שפּרינגט דאָס האַרץ פון שמחה און די ליפּן פליסטערן פאַרכטיק: „רבונו־של־עולם, נאָר אויף שלום־פאַראַדן זאָל מען אײַך באַנוצן!...

אַלע תפילות פון אַלע דורות האָבן זיך אַרײַנגעזיימ אין אונ־דזער ערד. דאָס איז אונדזער אייגענע ברכהדיקע זריעה, וואָס איז אונדז פון שר האומה באַשערט!

און אין בלוט זינגט אַ זמר:

— „בשוב ה' את שיבת ציון"...

צום אייביקן יום העצמאות פון מדינת־ישראל:

חג שמח, עם ישראל!

יום העצמאות

אַ הימן

עס פלאַטערט און שײַנט אונדזער ווײַס־בלויע פּאָן
זי גיט אונדז דעם הייליקן שטאָלץ און דעם מוט:
דער יום־טוב! דער יום־טוב! דער יום־טוב קומט אָן
דער יום־טוב פון יום־העצמאות!
רעפריין:

יום העצמאות! יום העצמאות!
דער חלום פון דורות געוואָרן איז וואָר!
מיט אַרבעט, געזאַנג
און אין מונטערן גאַנג
גייט איצט פאָרויס אונדזער דור!

מיר טראָגן אין האַרצן די העלדישע זין
וואָס האָבן מיט גבורה דורך פײַער און בלוט
דאָס וווּנדער, דאָס וווּנדער פאַר אונדז אויסגעשמידט
דעם יום־טוב, דעם יום־העצמאות!
רעפריין:

יום העצמאות! יום העצמאות...

איצט שמידן מיר אויס אונדזער היים נאָכאַנאַנד,
אַלץ פעסטער און גיכער — אַ ווײַל נישט גערוט
אַז פײַערן זאָל מען אין אייגענעם לאַנד
אויף אייביק דעם יום־העצמאות!...
רעפריין:

יום העצמאות! יום העצמאות...

מוזיק: לעאָן ווײנער



אינהאַלט

כלניות — 5
בשובך לציון — 8
מײַן מדינה — 9
אַ תפילה — 12
תוספת — 15
תל־אביב — 18
מאַמע און קינד — 19
כיכר דיזנגוף — 21
די פּאַלמע — 23
אַ שבת אין רמת־גן — 27
יוסף הסנדלר אין רחובות — 32
אויפן וועג קיין ירושלים — 39
קרית היובל — ירושלים — 41
גרענעץ — 43
אין „מאה שערים" — 44
צפת בײַנאַכט — 49
שמואל נעם — 52
טיול קיין אילת — 55
אַ מאַרק־טאָג אין באר־שבע — 71
די זרמים — 76
חמרה — 79
מײַן לאַנד — 80
ערב פּסח — 82
טיולים — 84
פּאַליצײַ — 88
יד חיים ווייצמאַן — 90
אונדזער שטיפערבאַן — 92

קינדערלעך פון קיבוצים — — — — — — — — 95
פאַלשירמער — — — — — — — — — — — — — 97
זויג־ליד — — — — — — — — — — — — — — 99
שיר־ערש — — — — — — — — — — — — — 100
ראש השנה — — — — — — — — — — — — — 101
אַ מאַמע אין ישראל — — — — — — — — — — 103
וועלדער פון קרן קימת — — — — — — — — — 106
קיִעלעך — — — — — — — — — — — — — — 108
אַן איילבירט־בוים — — — — — — — — — — 111
מיסטקלײַבער אין צפת... — — — — — — — — 112
אין נגב — — — — — — — — — — — — — — 119
אַ גרין בערגלבייט — — — — — — — — — — 120
עמודי שלמה — — — — — — — — — — — — 121
אין אַ פאַרנאַכט — — — — — — — — — — — 123
הר הכרמל — — — — — — — — — — — — — 124
כנרת שלי — — — — — — — — — — — — — 126
אַ וועג — — — — — — — — — — — — — — 130
אַ טוריסט אין מדינת־ישראל... — — — — — — 132
עם ישראל חי! — — — — — — — — — — — — 134
עמי־חי — — — — — — — — — — — — — — 136
אַמאָל און הײַנט... — — — — — — — — — — 137
יום־העצמאות אין מדינת־ישראל — — — — — — 142
יום־העצמאות — — — — — — — — — — — — 150

מײַן בעסטן דאַנק אַלע פרײַנט, אינסטיטוציעס און לאַנדס־לײַט־פאַרײנען װעלכע האָבן מיר דערמעגלעכט דאָס דערשײַנען פון דאָזיקן בוך:

שמואל און יוליאַ גלאַזערמאַן
דוד און מאַטילדע גערמאַן
סימאָן אָרענשטײן
איסאַק פּאָכאָמאָװסקי
אָשר און גיטל גראָקאָף
דוד קולאַקאָװסקי און פרוי
ברוקמאַן און זילבערשטײן
ברידער גאָלדענבערג
משפּחה פּאָליאַקאָף
נחום און גיטל ברזובסקי
שמאי און פרײדע טראַכטער
משה און טאָניע שרײַער
קלמן און לילאַ נוסענבאַום
מאַוריסיאָ כעניק
דוד פּוסטעלניק
גרעגאָריאָ כאָיסאָן
שמואל קלײנבאָרד
בערנאַרדאָ כאַראַק
יהודה מאָשקאָװיטש
שלמה דרוקאַראָף
יעקב טײַער און פרוי
מאַנועל און גיטל גרינשפּון
סאַמועל אָװערבאַך
חיים בלאַום

קרעד. קאָאָפּ. „װיזשאַ לוראָ"
״ ״ „װ. סאַרספיעלד"
״ ״ „פלאָרעסטאַ"
״ ״ „על קאָנטינענטע"
״ ״ „לאַ אַמיסטאַד"
״ ״ „לאַװאַזשעכאַ"
״ ״ „װאַרעלאַ"
קאַכאַ פּאָפּולאַר „פלאָרידאַ"
״ ״ „בעלגראַנאָ"
ל״ל־פאַראײן קאַרטוז־בערעזע,
פּרוזשענע, מאַלטש, שערשעװ
און אומגעגנט
פּלאָנסקער ל״ל און אומג׳
שטריקער־פאַראײן
ברידער טעובאַל
ברוך און חנה לעװ
שמואל און אסתר לעװ
שלמה און שרה לעװ
מלה װיזענפעלד
קלאַראַ בראַונשטײן
סאָניע טיטון
חנה, פּאָלאַ און רחל מעהל
אילנה העלער דע גובער
רבקה צענטנער דע גאַלאַנטערניק

גיטל שורמאַן
נפתלי און חנה זאַממער
בצלאל און רבקה קוטנער
זיידל און נעכע בערעזמאַן
אברהם און פייגע מעזשיקאָווסקי
סאַמועל פּאַטשינסקי און פרוי
דוד פּינעס און פרוי
מלך זילבערשטיין און פרוי
יוסף זלאָטניק און פרוי
פּײַוול און מירטשע שענקלער
משפחה אורבאַך
אַדאָלפֿאָ ראַסטקאָווסקי
פּנחס קיפּעבאַנד
יעקב ווײַס
שמחה האַראָוויץ
יוסף גלאַזער
איטשע פּיאַסקאָווסקי
אברהם אַשנדאָרף
ראובן לעווין
דוד לובלינסקי
פּנחס מייעראָוויטש
יוסף גענים
שימחה לאַנדע
לעאָפּאָלדאָ קלוגער
מאַרקאָס גאַרניק
יחזקאל כמיעל און פרוי
גאָלדשטיין־טעמפּלדינער־
אָגראָדניק
יאַשאַ און אַנאַ עסטערמאַן
הערשל און דבורה זילבערמאַן
משה און באַשע סאָלמעסקי
משה און סעליאַ ליכטשטיין
גילשלאַק און גאַלפּערין
לאה שיינהאָליץ

לייקע סטאָליאַר
פּאַני בראָדער דע האָקמאַן
יצחק יהודה און רבקה גראָסמאַרק
פּינחס און סעסיליאַ לעוו
בּרידער גרויסהויז
שלימה און לייבוש רומיאַני
יעקב און גאָלדע זילבערשטיין
זעליג און זיסל פרידמאַן
פּאַבלאָ און רחל שמידבערג
בן־ציון הייבערמאַן
שלום שלעגעל
שמואל שטערן
יוסף און רבקה לידיניאַ
משה ליס
שיִע־דוד מערקיער
יעקב ריגר
מוני גאָלדענבערג און פרוי
חיים און טערעסאַ אַקערמאַן
הערש און לאה באַנעט
יוסף און דבורה באַנעט
גדליה און דוואָשע בעזרוק
רפאל כ״ץ
ישעיה באַנעט און פרוי
בערל יאַקיראַ און פרוי
אברהם מאַזביק
זכריה בן יוסף בעקקאַ
לעאָן קאָגאַן
זאב קאַראַש
משה טריק
בּרידער איוואַן
בּרידער ווישניעווסקי
סענדער סינאַי און פרוי
נעסיע לעווין
מרים האַלצמאַן

שאול פּאַטריטש
דאָבטשע נוטאַ
חיים און חיה־לאה ביעגון
פּערל מיינעמער
שיינדל צעדערבוים
פייגע גאָלדמאַן
משה אורינאָווסקי
שלום און פּרץ ברוקמאַן
מרדכי און העלענאַ שוואַרצמאַן
משה און מינקע שניידמאַן
דוד און גיטל העכט
מאַרקאָס פּאָלאָנסקי
שמולעוויטש און פייגלסאָן
יוסף מאַרגאַלים
סימאַן מאָלדאָוואַן
אליהו סטוקאַלסקי
ברוך וואַרשאַווסקי

חיים און סאָניע ווייַנער
מאיר און פראַנע מאָשקאָוויטש
שרה בערקאָווסקי
ראַפאַעל כעלוואַן
חיים און ברכה טשערנאָמאָרעץ
חיים און פּאָלאַ פּאָפּאָווסקי
לוי קיפּערמאַן
זאב פּאָליאַק
לייב און שרה שמוקלער
לוי יצחק נעמיראָווסקי
גאָלדשטיין און ביעלסקי
לוויס אַלטמאַן
יצחק גאָרדאָן
לוי יצחק בלומענסאָן
אפרים זיצער
וואָלף ברוקמאַן און קינדער
גאָלדשטיין און קאָמפּ.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Hecho el depósito que marca la
Ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el día 27 de febrero de 1964, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. - Avenida Corrientes 1976 - Buenos Aires, República Argentina.

MARTHA STUKER DE PAIUK

ANEMONAS

FLORES DE MI TIERRA

*

Buenos Aires República Argentina

1964